# בוימבאָרד

בשעת־מעשׂה זײַנען די **האָביטס**[1] געלאָפֿן אַזוי גיך ווי דער פֿינצטערער און פֿאַרפֿלאָנטערטער וואַלד האָט דערלאָזט, לענג־אויס דעם ברעג פֿונעם שטראָמענדיקן טײַכל, אויף מערבֿ און אַרויף צו די שיפּועים פֿון די בערג, אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין **פֿאַנגאָרן**[2] אַרײַן. ביסלעכווײַז האָט זיך פֿאַרקלענערט זייער מורא פֿאַר די **אָרקס**[3], און זייער טעמפּ איז געוואָרן פּאַמעלעך. אַ מאָדנע דערשטיקנדיק געפֿיל האָט זיי אַרומגעכאַפּט, אַזוי ווי די לופֿט וואָלט געוואָרן צו שיטער, צו קנאַפּ פֿאַרן אָטעמען.

סוף־כּל־סוף האָט זיך **מערי**[4] אָפּגעשטעלט. "מיר קענען ניט גיין ווײַטער אַזוי," האָט ער געסאָפּעט. "עס פֿעלט מיר די לופֿט."

"אויף יעדן פֿאַל לאָמיר טרינקען," האָט **פּיפּין**[4] געזאָגט. "איך בין אָפּגעדאַרט." ער האָט אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ גרויסן בוימוואָרצל וואָס האָט זיך אַראָפּגעשלענגלט אין טײַכל אַרײַן, האָט זיך אָנגעבויגן און צונויפֿגענומען אַ ביסל וואַסער אין די געכּוסטע הענט. ס'איז געווען קלאָר און קאַלט, און ער האָט אַ סך געטרונקען. מערי איז אים נאָכגעגאַנגען. דאָס וואַסער האָט זיי דערקוויקט; האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט זיי אויפֿגעמונטערט אין האַרצן; אויף אַ ווײַלע זײַנען זיי געזעסן צוזאַמען אויפֿן ברעג טײַכל, אײַנטונקענדיק די אָנגעריסענע פֿיס, און זיך אַרומקוקנדיק אויף די ביימער וואָס זײַנען געשטאַנען שטילערהייט אַרום און אַרום, ריי אויף ריי, ביז זיי זײַנען פֿאַרשווּנדן געוואָרן אינעם גרויען בין־השמשות אויף אַלע זײַטן.

"איך נעם אָן, אַז דו האָסט אונדז שוין ניט פֿאַרפֿירט?" האָט פּיפּין געזאָגט, אָנשפּאַרנדיק זיך אין אַ גרויסן בוימשטאַם. "מיר קענען ווייניקסטנס נאָכגיין דעם גאַנג פֿון אָט דעם טײַכל, די **ענטוואַש**, אָדער וואָס עס זאָל ניט הייסן, און אַרויסקומען ווי מיר זײַנען אַרײַן."

"מיר וואָלטן געקענט, אויב נאָר אונדזערע פֿיס וואָלטן געוואָלט," האָט מערי געזאָגט; "און אויב מיר וואָלטן געקענט רעכט אָטעמען."

"יאָ. ס'איז דאָ עפּעס זייער פֿינצטערלעך און פֿאַרשטיקנדיק," האָט פּיפּין געזאָגט. "עס דערמאָנט מיר, ווי עס איז אינעם אַלטן צימער אין דעם **גרויסן פּלאַץ** פֿון די **טוקס**[5], ווײַט אַוועק אין די **סמיאַלס** בײַם **טאָקבאָראָ**: אַ ריזיקער גרויסער

זאַל, ווו דאָס מעבל האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט, זיך ניט געביטן שוין דורות. מע זאָגט, אַז דער **אַלטער טוק** האָט דאָרט געוווינט אַלע זײַנע יאָרן, בעת ער צוזאַמען מיטן צימער זײַנען געוואָרן עלטער און אָפּגעלאָזענער – און עס בלײַבט אַזוי עד־היום, זינט ער איז געשטאָרבן מיט הונדערט יאָר צוריק. און ער, דער **אַלטער געראָנטיוס**, איז געווען מײַן עלטער־עלטער־זיידע: שוין ווײַט אין עבֿר. אָבער דאָס איז גאָרנישט אין פֿאַרגלײַך מיטן אַלטן געפֿיל פֿון דעם דאָזיקן וואַלד. קוק נאָר אויף די אַלע וויינענדיקע, אַראָפּהענגענדיקע בערד און וואָנצעס פֿון לישײַ! די מערסטע ביימער זעען אויס ווי האַלב באַדעקט מיט אָפּגעריסענע אויסגעטריקנטע בלעטער וואָס זײַנען קיין מאָל ניט אַראָפּגעפֿאַלן. אומציכטיק. איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פֿרילינג וועט זײַן דאָ, אויב ס'איז טאַקע דאָ ווענס אַ פֿרילינג; נאָך ווייניקער אַ פֿרילינג־אויפֿראַמען."

"נאָר די זון מוז אויף יעדן פֿאַל כאַפּן אַ מאָל אַ קוק אַרײַן," האָט מערי געזאָגט. "ס'איז גאָר ניט ענלעך צו דעם וואָס **בילבאָ**[6] האָט אויסגעמאָלט וועגן **כמאַרנעוואַלד**[7]. דאָרט איז אַלץ געווען פֿינצטער און שוואַרץ, דאָרט האָבן געוווינט פֿינצטערע שוואַרצע ברואים. דאָ איז נאָר פֿינצטערלעך, און מוראדיק ביימעריש. מע קען זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן, אַז חיות זאָלן דאָ וווינען אָדער בלײַבן אויף אַ ווײַלע."

"ניין, און אויך ניט קיין האָביטס," האָט פּיפּין געזאָגט. "און עס געפֿעלט מיר אויך גאָרנישט פּרוּוון דורכצוגיין דורך דעם וואַלד. אַ סבֿרא, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו עסן אויף הונדערט מײַל. וואָס האָבן מיר אויף פּראָוויאַנט?"

"נאָר אַ קליין ביסל," האָט מערי געזאָגט. "מיר זײַנען אַנטלאָפֿן מיט גאָרנישט אַחוץ אַ פּאָר רעזערווּפּעקלעך ***לעמבאַס***[8], איבערגעלאָזט די אַלע אַנדערע זאַכן." זיי האָבן געקוקט אויף דעם וואָס איז געבליבן פֿון די עלפֿישע לעבלעך: צעבראָכענע שטיקלעך אפֿשר אויף פֿינף הונגעריקע טעג, מער ניט. "און ס'איז ניטאָ קיין קאָלדרע, קיין אײַנהילונג," האָט מערי געזאָגט. "אונדז וועט זײַן קאַלט הײַנט בײַ נאַכט, וווּהין מיר זאָלן ניט גיין."

"נו, בעסער זאָלן מיר איצט באַשליסן וווּהין," האָט פּיפּין געזאָגט. "דער אינדערפֿרי טראָגט זיך שוין אָפּ."

פּונקט דעמאָלט האָבן זיי באַמערקט אַ געל ליכט וואָס באַווײַזט זיך ווײַטער אינעם וואַלד: שטראַלן זונענשײַן האָבן אַ פּנים פּלוצעם דורכגעשטאָכן דעם וואַלדדאַך.

"סטײטש!" האָט מערי געזאָגט. "די זון האָט געמוזט זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן בעת מיר זײַנען געווען אונטער די ביימער, און איצט איז זי ווידער אַרויס; אַניט איז זי אויפֿגעגאַנגען גענוג הויך אַראָפּצושײַנען דורך עפּעס אַן עפֿענונג. ס'איז ניט ווײַט – לאָמיר גיין פֿאָרשן!"

---

עס האָט זיך באַוויזן, אַז ס'איז געווען ווײַטער ווי זיי האָבן געמיינט. די ערד האָט זיך נאָך אַלץ אויפֿגעהויבן שטאָציק און איז געוואָרן אַלץ שטיינערדיקער. דאָס ליכט איז געוואָרן ברייטער בשעת זיי זײַנען געגאַנגען, און באַלד האָבן זיי דערזען פֿאַר זיך אַ שטיינוואַנט: אַ בערגלזײַט, אָדער דער שאַרפֿער עק פֿון אַ לאַנגן וואָרצל אַרויסשטויסנדיק זיך פֿון די ווײַטע בערג. קיין ביימער זײַנען אויף אים ניט געוואַקסן, האָט די זון געשײַנט העל אויף זײַן שטיינערדיק פּנים. די צווײַגלעך אויף די ביימער צופֿוסנס האָבן זיך אויסגעצויגן שטײַף און שטיל, גלײַך ווי זוכנדיק די וואַרעמקייט. דאָרט וווּ אַלץ האָט פֿריִער אויסגעזען אַזוי אָפּגעכוימלט און גרוי, האָט דער וואַלד איצט געגלאַנצט מיט רײַכע ברוינען און מיט די גלאַטע שוואַרץ־גרויען פֿון קאָרע ווי פּאָלירטע לעדער. די ביימערשטאַמען האָבן געגליט מיט אַ ווייכן גרין ווי יונג גראָז: אַ פֿריִיקער פֿרילינג אָדער אַ פֿאַרשווינדנדיקער בליק אויף אַזאַ פֿרילינג איז געווען אַרום זיי.

אויף דער שטיינוואַנט איז געווען עפּעס ווי אַ טרעפּ: אפֿשר נאַטירלעך, געמאַכט פֿון דער צעוועטערונג און צעשפּאַלטן זיך פֿונעם שטיין, ווײַל ס'איז געווען ראַציק און אומגלײַך. העכער, כּמעט אויף איין הייך מיט די ביימערשפּיצן, איז געווען אַ גזימס אונטער אַ סקאַלע. גאָרנישט איז דאָרט ניט געוואַקסן אַחוץ אַ פּאָר גראָזן און ווילדגראָזן בײַם ראַנד, און איין אַלטער קאָרטש פֿון אַ בוים וואָס פֿון אים זײַנען שוין געבליבן בלויז צוויי אײַנגעבויגענע צווײַגן: ער האָט אויסגעזען כּמעט ווי דאָס געשטאַלט פֿון עפּעס אַ סוקעוואַטן אַלטן מאַן וואָס איז דאָרט געשטאַנען פֿינטלענדיק אינעם מאָרגנליכט.

"אַרויף!" האָט מערי געזאָגט פֿריידיק. "איצט אַ שטיקל פֿרישע לופֿט, און אַ גוטער קוק אַרום!"

זיי זײַנען אַרויפֿגעקראָכן, זיך געדראַפּעט אויפֿן שטיין. אויב די טרעפּ איז געווען אַ געמאַכטע, איז זי געווען פֿאַר גרעסערע פֿיס און לענגערע ווי זייערע. אין זייער זשעדנעקייט האָבן זיי זיך ניט געחידושט אויפֿן מערקווערדיקן אופֿן, ווי די קראַצן און ווונדן פֿון זייער געפֿענקעניש[9] האָבן זיך שוין געהאַט פֿאַרהיילט, ווי

זייער כּוח איז צוריקגעקומען. נאָך אַ ווײַלע זײַנען זיי אָנגעקומען צום ראַנד פֿונעם גזימס כּמעט צופֿוסנס פֿונעם אַלטן קאָרטש; דערנאָך זײַנען זיי אַרויפֿגעשפּרונגען, זיך אַרומגעדרייט מיט די רוקנס צום בערגל, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם און קוקנדיק אויף מיזרח. האָבן זיי געזען, אַז זיי זײַנען נאָר אַרײַנגעקומען אפֿשר אַ מײַל דרײַ־פֿיר אין וואַלד אַרײַן: די ביימערשפּיצן מאַרשירן באַרג־אַראָפּ צום פּליין. דאָרט, נאָענט צום ראַנד וואַלד, זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען הויכע ספּיראַלן שוואַרצער רויך, זיך וואַקלענדיק און צושוועבנדיק צו זיי צו.

"דער ווינט רוקט זיך איבער," האָט מערי געזאָגט. "ער קומט נאָך אַ מאָל פֿון מיזרח. ס'פֿילט זיך קיל דאָ."

"יאָ," האָט פּיפּין געזאָגט; "צום באַדויערן מיין איך, אַז ס'איז נאָר אַ פֿאַרגייִקער גלאַנץ, און אַלץ וועט ווידער ווערן גרוי. סאַראַ שאָד! אָט דער צויטיקער וואַלד האָט אויסגעזען אַזוי אַנדערש אויף דער זון. כּמעט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער אָרט געפֿעלט מיר."

"כּמעט אַז דער וואַלד געפֿעלט אײַך! זייער פֿײַן! דאָס איז אויסערגעוויינטלעך שיין פֿון אײַך," האָט געזאָגט אַ פֿרעמד קול. "דרייט זיך אַרום און לאָמיך זיך גוט אײַנקוקן אין אײַערע פּנימער. כּמעט דאַכט זיך מיר, אַז איר ביידע געפֿעלט מיר ניט, אָבער לאָמיר ניט כאַפּן. דרייט זיך אַרום!" אַ גרויסע סוק־געקנעכלטע האַנט האָט געפּאַקט יעדן אויף די פּלייצעס, און זיי אַרומגעדרייט, מילדערהייט אָבער זיך ניט אַנטקעגנצושטעלן; צוויי גרויסע אָרעמס האָבן זיי דערנאָך אויפֿגעהויבן.

זיי האָבן דערזען, אַז זיי קוקן אויף זייער אַן אומגעוויינטלעך פּנים. עס האָט געהערט צו אַ גרויסן מענטשלעכן, כּמעט טראָלישן, געשטאַלט, אין דער הייך וויניקסטנס פֿערצן פֿוס, זייער קרעפּקע, מיט אַ הויכן קאָפּ, כּמעט אָן אַ האַלדז. צי עס האָט זיך געהאַט אָנגעטאָן אין שטאָף ווי גרינע און גרויע קאָרע, צי דאָס איז געווען זײַן הויט, איז געווען שווער צו זאָגן. אויף יעדן פֿאַל זײַנען די אָרעמס, נאָענט צום שטאַם, ניט געווען קיין צעקנייטשטע, נאָר באַדעקט מיט אַ ברוינער גלאַטער הויט. די גרויסע פֿיס האָבן געהאַט צו זיבן פֿינגער. דעם אונטערשטן טייל פּנים האָט באַדעקט אַ ברייטע גרויע באָרד, קוסטיק, כּמעט ווי צווײַגלעך בײַ די וואָרצלען, שיטער און ווי מאָך בײַ די עקן. אָבער אויף דער רגע האָבן די האָביטס באַמערקט נאָר די אויגן. די דאָזיקע אויגן האָבן זיי איבערגעקוקט, פּאַמעלעך און פֿײַערלעך, אָבער זייער אַרײַנדרינגלעך. זיי זײַנען געווען ברוין, דורכגעשאָסן מיט אַ גרינעם ליכט. שפּעטער האָט פּיפּין אָפֿט מאָל געפּרוּווט באַשרײַבן זײַן ערשטן רושם פֿון זיי.

"מע האָט דערשפּירט גלײַך ווי ס'איז דאָ אַן אומגעהײַערער ברונעם הינטער זיי, אָנגעפֿילט מיט זכרונס פֿון יאָרן און לאַנגן, פֿאַמעלעכן, כּסדרדיקן טראַכטן; אָבער זייער אייבערפֿלאַך האָט געפֿינקלט מיט דער איצטיקייט: ווי די זון שימערירנדיק אויף די אויסנווייניקסטע בלעטער פֿון אַ ריזיקן בוים, אָדער אויף די קרײַזלעך פֿון זייער אַ טיפֿער אָזערע. איך ווייס ניט, נאָר ס'האָט זיך מיר געפֿילט גלײַך ווי עפּעס וואָס וואַקסט אין דער ערד – שלאָפֿנדיק, לאָמיר זאָגן, אָדער בלויז זיך שפּירנדיק ווי עפּעס צווישן דעם נידעריקסטן וואָרצל און העכסטן בלאַט, צווישן דער טיפֿער ערד און דעם הימל – האָט זיך פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט, און האָט דיך באַטראַכט אַזוי פֿאָרזיכטיק און פֿאַמעלעך ווי עס האָט באַטראַכט זײַנע אייגענע אינעווייניקסטע ענינים שוין לאַנגע יאָרן."

"*הרום, הוום*," האָט געמורמלט דאָס קול, אַ טיף קול ווי דער טיפֿסטער פֿאַגאָט. "טאַקע זייער מאָדנע! 'כאַפּ ניט!' איז מײַן לאָזונג. אָבער אויב איך וואָלט אײַך געהאַט דערזען איידער איך האָב דערהערט אײַערע קולער – זיי זײַנען מיר געפֿעלן: ווילע קליינע קולער; זיי האָבן מיר דערמאָנט אין עפּעס וואָס איך קען ניט געדענקען – אויב איך וואָלט אײַך געהאַט דערזען איידער איך האָב אײַך דערהערט, וואָלט איך נאָר געטאָפּטשעט אויף אײַך, אײַך געהאַלטן פֿאַר קליינע אָרקס, און ערשט שפּעטער אויסגעפֿונען מײַן טעות. זייער מאָדנע זײַט איר, באמת. וואָרצל און צווײַגל, זייער מאָדנע!"

פּיפּין, כאָטש נאָך אַלץ פֿאַרגאַפֿט, האָט שוין מער ניט קיין מורא געהאַט. פֿאַר אָט די אויגן האָט ער דערשפּירט אַ מאָדנע שפּאַנונג, נאָר ניט קיין מורא. "זײַט אַזוי גוט," האָט ער געזאָגט, "ווער זײַט איר? און וואָס זײַט איר?"

אַ משונהדיקער בליק איז אַרײַן אין די אַלטע אויגן, אַ מין געוואָרנטקייט; די טיפֿע ברונעמס זײַנען באַדעקט געוואָרן. "*הרום*, נו," האָט געענטפֿערט דאָס קול; "נו, איך בין אַן ענט, אָדער אַזוי רופֿט מען מיך. יאָ, ענט איז דאָס וואָרט. אָט אָ דער ענט בין איך, מעגט איר זאָגן, ווי אײַער שטייגער איז. *פֿאַנגאָרן* הייס איך לויט עטלעכע, *בוימבאָרד* לויט אַנדערע. *בוימבאָרד* וועט טויגן."

"אַן ענט?" האָט מערי געזאָגט. "וואָס איז דאָס? וואָס רופֿט איר זיך אַליין? וואָס איז אײַער אמתער נאָמען?"

"הוו וואַרט!" האָט בוימבאָרד געענטפֿערט. "הוו! דאָס וואָלט מגלה געווען! ניט אַזוי גיך. און איך בין דער פֿרעגער. איר זײַט אין מײַן לאַנד. וואָס זײַט איר, פֿרעג איך זיך. איך דערקען אײַך ניט. דאַכט זיך, אַז איר שטייט ניט אויף די אַלטע

רשימות וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין די קינדער־יאָרן. אָבער דאָס איז געווען שוין אַ לאַנגע צײַט צוריק, און אפֿשר זײַנען דאָ נײַע רשימות. לאָמיך זען! לאָמיך זען! ווי איז עס?

*דערגייט איצט דאָס קענטעניש פֿון די לעבעדיקע באַשעפֿענישן!*
*ערשטנס רופֿט אָן די פֿיר, די פֿרייַע פֿעלקער:*
*די עלטסטע פֿון אַלעמען, די עלף־קינדער;*
*שרעטל דער גרעבער, טונקל זייַנען די הייַזער זייַנע;*
*ענט דער ערד־געבוירענער, אַלט ווי די בערג;*
*מענטש דער בשׂר־ודם, בעל־הבית פֿון פֿערד;*

הם, הם, הם.

*ביבער דער בויער, רויטהירש דער שפּרינגער,*
*בער דער בין־יעגער, וואַלד־חזיר דער קעמפֿער;*
*הונט איז הונגעריק, האָז האָט מורא ...*

הם, הם.

*אָדלער אין דער הויכער נעסט, אָקס אין פּאַשע,*
*הירש דער באַהערנערטער; פֿאַלק דער גיכסטער,*
*שוואַן דער ווייַסטער, שלאַנג דער קעלטסטער. ...*

הווּם, הם; הווּם, הם, ווי איז עס? רווּם טום, רווּם טום, רווּמטי טווּם טום. ס'איז געווען אַ לאַנגע רשימה. אָבער סײַ ווי סײַ פּאַסט איר זיך אַרײַן אין ערגעץ ניט!"

"דאַכט זיך, אַז אַלע מאָל בלײַבן מיר מחוץ די אַלטע רשימות, און די אַלטע מעשׂיות," האָט מערי געזאָגט. "פֿאָרט זײַנען מיר דאָ, אַרום און אַרום, שוין אַ לאַנגע צײַט. מיר זײַנען <u>האָביטס</u>."

"אפֿשר זאָל מען צוגעבן אַ נײַע שורה?" האָט פּיפּין געזאָגט.

*האַלב־דערוואַקסענע האָביטס, די לאָך־וווינערס.*

שטעלט אונדז אַרײַן צווישן די פֿיר, לעבן דעם מענטש (**דאָס גרויסע פֿאָלק**) און אָט איז עס."

"הם! ניט שלעכט, ניט שלעכט," האָט בוימבאָרד געזאָגט. "דאָס וואָלט געפּאַסט. איז ווינט איר אין לעכער, האַ? רעכט און געהעריק. ווער זשע דען רופֿט אײַך האָביטס? דאָס קלינגט מיר ניט עלפֿיש. עלפֿן האָבן געמאַכט די אַלע אַלטע ווערטער; זיי האָבן דאָס אָנגעהויבן."

"קיינער רופֿט אונדז ניט האָביטס; מיר אַליין רופֿן זיך אַזוי," האָט פּיפּין געזאָגט.

"הוום, המם! גייט, גייט! כאַפּט ניט! איר רופֿט זיך אַליין האָביטס? אָבער איר זאָלט ניט גיין דאָס אָנזאָגן אַבי וועמען. איר וועט אויסזאָגן אײַערע אייגענע אינעווייניקסטע נעמען אויב איר זײַט ניט אָפּגעהיט."

"מיר זײַנען ניט אָפּגעהיט דערוועגן," האָט מערי געזאָגט. "לעולם בין איך אַ **בראַנדיבאָק**, **מעריאַדאָק בראַנדיבאָק**, כאָטש ס'רובֿ לײַט רופֿן מיך בלויז מערי."

"און איך בין אַ **טוק**, **פּעריגרין טוק**, אָבער בכלל רופֿט מען מיך פּיפּין, צי פּיפּ אַפֿילו."

"הם, איר זײַט טאַקע כאַפּיקע לײַט, זע איך," האָט בוימבאָרד געזאָגט. "איר גיט מיר אָפּ כּבֿוד מיט אײַער צוטרוי; אָבער איר זאָלט ניט זײַן גלײַך אַזוי אָפֿן. ס'זײַנען דאָ ענטן און — ענטן, פֿאַרשטייט איר; אָדער ס'זײַנען דאָ ענטן און זאַכענישן וואָס זיי זעען אויס ווי ענטן אָבער ענטן זײַנען זיי ממש ניט. איך וועל אײַך רופֿן מערי און פּיפּין, אויב ס'איז אײַך גוט – שיינע נעמען. וואָרן איך וועל אײַך ניט אָנזאָגן מײַן נאָמען, כאָטש ניט איצט." אַ מאָדנער האַלב־ווּיסנדיקער, האַלב־שפּאַסיקער בליק איז אַרײַנגעקומען אין זײַנע אויגן, מיט אַ גרינעם צאַנק. "ערשטנס וואָלט עס געדויערט אַ לאַנגע צײַט: מײַן נאָמען וואַקסט כּסדר, און איך לעב שוין זייער אַ לאַנגע לאַנגע צײַט; איז מײַן נאָמען ווי אַ מעשׂה. אויף מײַן לשון דערציילן אמתע נעמען די מעשׂיות פֿון זייערע בעלי־בתּים, אויף אַלט־ענטיש לאָמיר זאָגן. זי איז אַ שיינע שפּראַך, אָבער ס'פֿאָדערט זיך זייער אַ לאַנגע צײַט אַרויסצוזאָגן עפּעס אויף איר, מחמת מיר שווײַגן סײַדן ס'איז כּדאַי פֿאַרברענגען אָט די לאַנגע צײַט בײַם אַרויסזאָגן און זיך צוהערן.

"אָבער איצט," און זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן זייער העל און 'דאָ', אויסזעענדיק קלענער און כמעט פֿאַרשפּיצט, "וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט איר אין דעם אַלעם? איך קען דערזען און דערהערן (און דערשמעקן און דערשפּירן) אַ סך פֿון דעם, פֿון דעם, פֿון דעם *אַ־לאַלאַ־לאַלאַ־רומבאַ־קאַמאַנדאַ־לינד־אָר־בורומע*. זײַט מיר

מוחל: דאָס איז אַ טייל פֿון מײַן נאָמען פֿאַר אָט דער זאַך – ווייס איך ניט דאָס וואָרט אויף די פֿרעמדע שפּראַכן – איר ווייסט, אָט דער זאַך, וואָס אויף איר שטייען מיר, ווו איך שטיי און קוק זיך אַרום אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, און טראַכט וועגן דער זון, און דעם גראָז הינטערן וואַלד, און די פֿערד, און די וואָלקנס, און דער אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט. וואָס טוט זיך? וואָס טוט **גאַנדאַלף**[10]? און אָט די – *בוראַרום*," האָט ער געגעבן אַ טיפֿן בורטש ווי אַ דיסאָנאַנץ אויף אַ גרויסן אָרגל – "די אָרקס, און דער יונגער **סאַרומאַן**[11] דאָרט בײַ **איסענגאַרד**[12]? נײַעס האָב איך ליב, אָבער ניט צו גיך – איר הערט?."

"זייער אַ סך טוט זיך דאָ," האָט מערי געזאָגט; "אַפֿילו אויב מיר וואָלטן זיך געפּרוווט אײַלן, וואָלט עס געדויערט שוין אַ לאַנגע צײַט דאָס דערציילן. אָבער איר האָט בײַ אונדז געפֿאָדערט מיר זאָלן ניט כאַפּן. זאָלן מיר אײַך דערציילן אַבי וואָס מיט אַ מאָל? וואָלט איר האַלטן אונדז פֿאַר גראָב, אויב מיר פֿרעגן בײַ אײַך וואָס איר וועט טאָן מיט אונדז, און אויף וועמענס צד איר זײַט? און האָט איר געקענט גאַנדאַלפֿן?"

"יאָ, איך קען אים דאָך: דער איינציקער מכשף וואָס גיט זיך באמת אָפּ מיט ביימער," האָט בוימבאָרד געזאָגט. "איר קענט אים?"

"יאָ," האָט פּיפּין געזאָגט טרויעריק, "מיר האָבן אים געקענט. ער איז אונדז געווען אַ גוטער־פֿרײַנד, און אונדזער פֿירער."

אויב אַזוי קען איך ענטפֿערן אויף אײַערע אַנדערע פֿראַגעס," האָט בוימבאָרד געזאָגט. " איך בין ניט אויסן צו טאָן גאָרנישט <u>מיט</u> אײַך: ניט אַז איר מיינט 'אָפּטאָן <u>אײַך</u> עפּעס' אָן אײַער רשות. אפֿשר קענען מיר גאָר אויפֿטאָן עפּעס צוזאַמען. איך ווייס ניט פֿון קיין <u>צדדים</u>. איך גיי מײַן אייגענעם דרך; אָבער אײַער דרך און מײַנער קערן גיין צוזאַמען אויף אַ ווײַלע. אָבער איר רעדט וועגן ר' גאַנדאַלפֿן אַזוי ווי ער וואָלט געווען אין אַ מעשׂה וואָס איז שוין פֿאַרטיק."

"יאָ, ס'איז אמת," האָט פּיפּין געזאָגט טרויעריק. "די מעשׂה, דאַכט זיך, גייט ווײַטער, אָבער איך מוז זאָגן, אַז גאַנדאַלף איז שוין אַרויס פֿון איר."

"הוו, גייט, גייט!" האָט בוימבאָרד געזאָגט. "הוום, הם, אַך, נו." האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, קוקנדיק אַ ווײַלע אויף די האָביטס. "הוום, אַך, נו, ווייס איך ניט וואָס צו זאָגן. גייט, גייט!"

"אויב איר וואָלט געוואָלט נאָך הערן," האָט מערי געזאָגט, "וועלן מיר ווײַטער דערציילן. אָבער ס'וועט געדויערן אַ לאַנגע ווײַלע. וואָלט איר געוואָלט אונדז אַראָפּלאָזן? אפֿשר קענען מיר זיצן דאָ צוזאַמען, אויף דער זון כּל־זמן זי שײַנט? אַ סבֿרא, אַז איר ווערט מיד פֿון האַלטן אונדז אין דער הייך."

"הם, מיד? ניין, איך בין ניט מיד. איך ווער מיד נאָר זעלטן. און איך זעץ זיך ניט אַוועק. איך בין ניט זייער, הם, בייגעוודיק. אָבער אָט אָ, די זון ווערט טאַקע פֿאַרוואָלקנט. לאָמיר פֿאַרלאָזן דעם – צי האָט איר געזאָגט ווי דאָס הייסט?"

"קויפּ?" האָט פּיפּין פֿאָרגעלייגט. "פֿאַך? טרעפּל?" האָט מערי פֿאָרגעלייגט.

בוימבאָרד האָט איבערגעחזרט די ווערטער אַ פֿאַרקלערטער. "קויפּ. יאָ, אַזוי איז עס. אָבער ס'איז אַ כאַפּיק וואָרט פֿאַר אַ זאַך וואָס שטייט דאָ זינד אָט דער דאָזיקער טייל פֿון דער וועלט איז אויסגעפֿורעמט געוואָרן. מילא. לאָמיר אים פֿאַרלאָזן און גיין."

"וווּהין זאָלן מיר גיין?" האָט מערי געפֿרעגט.

"אַהיים, צו איינעם פֿון מײַנע הײַזער," האָט בוימבאָרד געענטפֿערט.

"ס'איז ווײַט?"

"איך ווייס ניט. איר קענט עס אפֿשר האַלטן פֿאַר ווײַט. אָבער פֿאַר וואָס אַרט דאָס אײַך?"

כ'ווייס? איר פֿאַרשטייט, מיר האָבן פֿאַרלוירן דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס," האָט מערי געזאָגט. "מיר האָבן נאָר אַ קליין שטיקל עסן."

"אָ! הם! איר דאַרפֿט זיך ניט זאָרגן וועגן דעם," האָט בוימבאָרד געזאָגט. "איך קען אײַך געבן אַ טרונק וואָס וועט אײַך אויפֿהיטן גרין און וואַקסנדיק אַ לאַנגער לאַנגער צײַט. און טאָמער מיר באַשליסן זיך צו געזעגענען, קען איך אײַך אַראָפּזעצן מחוץ מײַן לאַנד אַבי ווּ איר ווילט. לאָמיר גיין!"

---

האַלטנדיק די האָביטס צאַרט אָבער פֿעסט, איינעם אינעם אויסבייג פֿון יעדן אָרעם, האָט בוימבאָרד אויפֿגעהויבן ערשטנס איין גרויסן פֿוס און דערנאָך דעם

צווייטן, און האָט זיי באַוועגט צום ראַנד פֿאַך. די וואָרצלישע פֿוס־פֿינגער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די פֿעלדזן. דערנאָך, זאָרגעוודיק און פֿײַערלעך, האָט ער אַראָפּגעשפּרײַזט פֿון טרעפּל צו טרעפּל, ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם וואַלדבאָדן.

תּיכּף האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט לאַנגע באַזאַכטע שפּאַנען צווישן די ביימער, אַלץ טיפֿער אין וואַלד אַרײַן, קיין מאָל ניט ווײַט פֿונעם טײַכל, אַרויפֿקריכנדיק כּסדר צו די *שיפּועים* פֿון די בערג. אַ סך ביימער האָבן אויסגעזען ווי שלאָפֿנדיק, אָדער גלײַך ניט וויסנדיק פֿון אים ווי פֿון וואָס פֿאַר אַן אַנדער באַשעפֿעניש וואָס עס גייט פּשוט פֿאַרבײַ; אָבער עטלעכע האָבן זיך געצאַפּלט, און געציילטע האָבן אויפֿגעהויבן זייערע צווײַגן איבער זײַן קאָפּ בעת ער האָט זיך דערנענטערט. שטענדיק בײַם גיין האָט ער גערעדט מיט זיך אַליין אין אַ לאַנגן שטראָמענדיקן ניגונדל.

די האָביטס האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. ס'איז זיי געווען זיכער און באַקוועם, מאָדנע ווי דאָס זאָל ניט זײַן, און זיי האָבן געהאַט אַ סך וואָס זיך צו באַטראַכטן דערוועגן. סוף־כּל־סוף האָט פּיפּין אײַנגעשטעלט נאָך אַ מאָל צו רעדן.

"איך בעט אײַך, בוימבאָרד," האָט ער געזאָגט, "מעג איך בײַ אײַך עפּעס פֿרעגן? פֿאַר וואָס האָט **קעלעבאָרן**[13] אונדז געוואָרנט אַקעגן אײַער וואַלד? ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ניט ריזיקירן פֿאַרפּלאָנטערן זיך אין אים."

"המם, האָט ער טאַקע אַזוי גערעדט?" האָט בוימבאָרד געברומלט. "און איך וואָלט אײַך אָנגעזאָגט פּונקט די זעלבע זאַך, אויב איר וואָלט געגאַנגען דעם אַנדערן וועג. ריזיקירט ניט פֿאַרפּלאָנטערן זיך אין די וועלדער פֿון *לאָורעלינדאָרינאַן*! אָט אַזוי פֿלעגן אים רופֿן די עלפֿן, אָבער איצט קירצן זיי דעם נאָמען: *לאָטלאָריִען* רופֿן זיי אים. אפֿשר זײַנען זיי גערעכט: אפֿשר ווערט ער שוואַכער, וואַקסט ניט. דאָס **לאַנד פֿונעם טאָל פֿון זינגענדיקן גאָלד**, אַזוי איז עס געווען, אַ מאָל. איצט איז עס די **חלום־בלום**. נו, נו! ס'איז אָבער אַ מאָדנע אָרט, און ניט יעדער איינער זאָל פּרוּוון אַרײַנקריכן. ס'איז מיר אַ חידוש, אַז איר זײַט אַרויסגעקומען, נאָר אַ גרעסערער חידוש וואָס איר זײַט ערשט אַרײַן: אַזוי געשעט ניט מיט פֿרעמדע שוין אַ סך יאָרן. ס'איז אַ מאָדנע לאַנד.

"און דאָ אויך. לײַט זײַנען דאָ געקומען צו שאָדן. יאָ, געקומען צו שאָדן. *לאָורעלינדאָרינאַן לינדעלאָרענדאָר מאַלינאָרעליאָן אָרנעמאַלין*," האָט ער געניגונט צו זיך אַליין. "זיי ווערן גאַנץ הינטערשטעליק דאָרט, מיין איך," האָט ער געזאָגט.

"ניט אָט דאָס לאַנד, ניט ערגעץ ווו מחוץ דעם גאָלדענעם וואַלד איז ווי ס'איז געווען ווען קעלעבאָרן איז געווען יונג. אָבער:

*טאָורעלילאָמעאַ־טומבאַלעמאָרנאַ טומבאַלעטאָורעאַ לאָמעאַנאָר,*

ווי מע פֿלעגט זאָגן. אַ סך האָט זיך געביטן, אָבער ס'איז נאָך אַלץ אמת דאָ און דאָרט."

"וואָס מיינט איר?" האָט פּיפּין געפֿרעגט. "וואָס איז אמת?"

"די ביימער און די ענטן," האָט בוימבאָרד געענטפֿערט. "איך אַליין פֿאַרשטיי ניט אַלץ וואָס קומט פֿאָר, קען איך עס אײַך ניט דערקלערן. עטלעכע פֿון אונדז בלײַבן אמתע ענטן, און גענוג רירעוודיק אין אונדזער שטייגער, אָבער אַ סך ווערן שלעפֿעריק, ביימעריש, לאָמיר זאָגן. ס'רובֿ ביימער זײַנען נאָר ביימער, אַוודאי; אָבער אַ סך זײַנען האַלב־וואַך. עטלעכע זײַנען גאַנץ אויסגעטשוכעט, און געציילטע ווערן, נו, אַ, נו, <u>ענטיש</u>. אַזוי טוט זיך שטענדיק.

"אויב דאָס געשעט מיט אַ בוים, דערוווּסט מען זיך, אַז עטלעכע האָבן <u>בייזע</u> הערצער. גאָרנישט צו טאָן מיט זייער האָלץ: ניט דאָס מיין איך. ניין, איך האָב געקענט אַ פּאָר גוטע אַלטע ווערבעס אַראָפּ בײַם טײַך ענטוואַש, שוין לאַנג אַוועק, אַ שאָד! זיי זײַנען געווען גאַנץ הויל, ממש זיך צעברעקלענדיק, אָבער אַזוי שטיל און זיס־רעדעוודיק ווי אַ יונגער בלאַט. און דערקעגן זײַנען פֿאַראַן עטלעכע ביימער אין די טאָלן הינטער די בערג, געזונט און שטאַרק, און בייז דורך און דורך. אַזעלכע זאַכן, ווײַזט זיך אויס, פֿאַרשפּרייטן זיך. אַ מאָל זײַנען געווען עטלעכע זייער סכּנהדיקע מקומות דאָ אין לאַנד. נאָך אַלץ זײַנען דאָ אַ פּאָר זייער פֿינצטערע ערטער."

"ווי דער **אַלטער וואַלד** ווײַט אויף צפֿון, מיינט איר?" האָט מערי געפֿרעגט.

"יאָ, יאָ, עפּעס אַזוינס, אָבער גאָר ערגער. מיר איז קלאָר, אַז עס ליגט נאָך אַלץ אַ שאָטן פֿון דעם **גרויסן פֿינצטערניש** דאָרט אויף צפֿון; און שלעכטע זכרונס גייען פֿון דור צו דור. אָבער ס'זײַנען דאָ פּוסטע טעלכלעך דאָ אין לאַנד ווו דאָס פֿינצטערניש בלײַבט ביז הײַנט, און די ביימער זײַנען עלטער פֿון מיר. פֿונדעסטוועגן טוען מיר וואָס מיר קענען. מיר לאָזן ניט אַרײַן קיין פֿרעמדע, קיין ריזיקאַלישע; און מיר שולן און מיר לערנען, מיר גייען און מיר פּאָלען.

"מיר זײַנעןביימער־פּאַסטעכער, מיר אַלטע ענטן. שוין ווייניק פֿון אונדז בלײַבן איצט. שאָף ווערן ווי פּאַסטעכער און פּאַסטעכער ווי שאָף, זאָגט מען; אָבער פּאַמעלעך, און ביידע בלײַבן ניט לאַנג אויף דער וועלט. ס'איז גיכער און נעענטער צווישן ביימער און ענטן, און זיי גייען צוזאַמען אויף דור־דורות. וואָרן ענטן זײַנען ענלעכער צו עלפֿן: זיי אינטערעסירן זיך ווייניקער אין זיך אַליין ווי מענטשן און זיי זײַנען פֿעיִקער אין פֿאַרשטיין אַנדערע באַשעפֿענישן פֿון אינעווייניק. צוריק גערעדט זײַנען ענטן ענלעכער צו מענטשן, בײַטעוודיקער ווי עלפֿן, און גיכער אָנצונעמען די דרויסנדיקע פֿאַרבן, אַזוי צו זאָגן. אָדער בעסער ווי ביידע, ווײַל זיי זײַנען פֿעסטער און לייגן מוח צו צו זאַכן לענגער.

"עטלעכע פֿון מײַנע קרובֿים זעען איצט אויס פּונקט ווי ביימער, און נאָר עפּעס זייער גרויס וועט זיי אויפֿרודערן; און זיי רעדן נאָר אין שעפּטשן. אָבער עטלעכע פֿון מײַנע ביימער זײַנען אבֿרים־בייגיק, און אַ סך קענען רעדן מיט מיר. די עלפֿן האָבן דאָס אָנגעהויבן, אַוודאי; זיי האָבן די ביימער אויפֿגעוועקט, זיי געלערנט רעדן, אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין זייער ביימער־לשון. תּמיד האָבן זיי געוואָלט רעדן מיט אַלצדינג, אָט די אַלטע עלפֿן. אָבער דעמאָלט איז אָנגעקומען דאָס גרויסע פֿינצטערניש, און זיי האָבן זיך איבערגעקליבן איבערן ים אָדער אַנטלאָפֿן אין ווײַטע טאָלן, זיך באַהאַלטן, געזונגען לידער וועגן די טעג וואָס זיי וועלן קיין מאָל ניט צוריקקומען. קיין מאָל ניט. יאָ, יאָ, אַ מאָל איז געווען נאָר איין וואַלד, פֿון דאַנען ביז צו די **לבֿנה־בערג**, און אָט דאָ איז געווען נאָר דער **מיזרח־עק**.

"דאָס זײַנען געווען די ברייטע טעג! אַ מאָל האָב איך געקענט גיין און זינגען אַ גאַנצן טאָג און הערן נאָר דאָס ווידערקול פֿון מײַן אייגענעם קול אין די הוילע בערגעלעך. די וועלדער זײַנען געווען ווי די וועלדער פֿון לאָטלאָריִען, נאָר געדיכטער, שטאַרקער, ייִנגער. און ווי די לופֿט האָט געשמעקט! איך פֿלעג פֿאַרברענגען אַ גאַנצע וואָך נאָר אָטעמען."

בוימבאָרד איז אַנטשוויגן געוואָרן, שפּרײַזנדיק שטילערהייט, מיט קוים אַ קלאַנג פֿון זײַנע גרויסע פֿיס. האָט ער אָנגעהויבן ניגונען נאָך אַ מאָל, און דאָס ניגעלע איז געוואָרן אַ מורמלדיק געזאַנג. ביסלעכווײַז האָבן די האָביטס אײַנגעזען, אַז דאָס זינגט ער צו זיי:

*אין די ווערבע־טאָלעקעס פֿון טאַסאַרינאַן בין איך אַרומגעגאַנגען פֿרילינגצײַט.*
*אָ! דאָס בילד און ריח פֿון פֿרילינג אין נאַנטאַסאַריאָן!*
*און איך האָב געזאָגט, אַז ס'איז גוט.*
*איך האָב געוואַנדערט זומערצײַט אין די קנופּבוים־וועלדער פֿון אָסיריִאַנד.*

*אָ! דאָס ליכט און די מוזיק זומערצײַט לעבן די זיבן טײַכן פֿון אָסיר!*
*און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז דאָס בעסטע.*
*צו די בוקעס פֿון נעלדאָרעט בין איך געקומען האַרבסטצײַט.*
*אָ! דאָס גאָלד און דאָס רויט און די זיפֿצן פֿון בלעטער האַרבסטצײַט אין טאָור־נאַ־נעלדאָר!*
*ס'איז געווען מער ווי מײַן גלוסט.*
*צו די סאָסנעס אויפֿן הויכלאַנד פֿון דאָרטאָניאָן בין איך אַרויפֿגעקראָכן ווינטערצײַט*
*אָ! דער ווינט און די ווײַסקייט און די שוואַרצע צווײַגן פֿון ווינטער אויפֿן אָראָד־נאַ־טאָן!*
*מײַן קול איז אַרויפֿגעפֿלויגן און געזונגען אין הימל.*
*און איצט ליגן די אַלע לענדער אונטער דער כוואַליע,*
*און איך גיי אין אַמבאַראָנאַ, אין טאָורעמאָרנאַ, אין אַלדאַלאָמע,*
*אין מײַן אייגענעם לאַנד, אינעם לאַנד פֿון פֿאַנגאָרן,*
*וווּ די וואָרצלען זײַנען לאַנג,*
*און די יאָרן ליגן געדיכטער ווי די בלעטער*
*אין טאָורעמאָרנאַלאָמע.*

ער האָט געענדיקט דאָס זינגען און ווײַטער געשפּאַנט שטילערהייט, און אומעטום אינעם וואַלד, ווי ווײַט אַן אויער זאָל ניט הערן, איז ניטאָ קיין פּיפּס.

---

די זון איז פֿאַרגאַנגען און דער פֿאַרנאַכט האָט זיך אַרומגעפֿלאָכטן אַרום די שטאַמען פֿון די ביימער. סוף־כּל־סוף האָבן די האָביטס דערזען, ווי עס הייבט זיך אויף פֿינצטערלעך פֿאַר זיי, אַ שטאָציק טונקל לאַנד: זיי זײַנען אָנגעקומען צופֿוסנס פֿון די בערג, און צו די גרינע וואָרצלען פֿון הויכן **מעטעדראַס**[14]. באַרג־אַראָפּ, שפּרינגענדיק פֿון זײַנע קוואַלן וואָס הויך אויבן, איז דער יונגער ענטוואַש אַראָפּגעלאָפֿן טומלדיק פֿון טרעפּל צו טרעפּל אַראָפּ צו זיי. אויף רעכטס פֿון טײַכל איז געווען אַ לאַנגע שיפּוע, באַדעקט מיט גראָז, גרוי איצט אינעם בין־השמשות. קיין ביימער זײַנען דאָרט ניט געוואַקסן און ס'איז געווען אָפֿן אונטערן הימל; אָזערעס פֿון שטערן האָבן שוין געשײַנט צווישן וואָלקן־באָרטנס.

בוימבאָרד האָט אַרויפֿגעשפּרײַזט אַרויף דעם שיפּוע, קוים פֿאַרפּאַמעלעכנדיק זיך. פּלוצעם האָבן די האָביטס דערזען פֿאַר זיך אַ ברייטע עפֿענונג. צוויי גרויסע ביימער זײַנען דאָרט געשטאַנען, איינער אויף יעדער זײַט, ווי לעבעדיקע סטויפּן;

אָבער ס'איז ניט געווען קיין טויער, אַחוץ זייערע געקרייצטע און דורכגעפּלאָכטענע צווײַגן. בעת דער אַלטער ענט האָט זיך דערנענטערט האָבן דיביימער אויפֿגעהויבן די צווײַגן, און די אַלע בלעטער האָבן געציטערט און געשאָרכט. וואָרן זיי זײַנען געווען נאָדלביימער, און די בלעטער זײַנען געווען טונקל און פּאָלירט, און האָבן געגלאַנצט אינעם פֿאַרנאַכט. הינטער זיי איז געווען אַ ברייטער גלײַכער פּלאַץ, גלײַך ווי מע וואָלט געהאַט אויסגעגראָבן דעם דיל פֿון אַ גרויסן זאַל אין דער קויפּ־זײַט. אויף ביידע זײַטן זײַנען די מויערן געגאַנגען באַרג־אַרויף, ביז זיי זײַנען געווען פֿופֿציק פֿוס אין דער הייך אָדער מער, און פֿאַזע יעדן מויער איז געשטאַנען אַ ריי ביימער וואָס האָבן זיך אויך פֿאַרגרעסערט אין הייך בעת זיי דעפֿילירן אַרײַן.

בײַם ווײַטן עק איז דער פֿעלדזנפֿאַל געווען זייער שטאָציק, נאָר צופֿוסנס האָט מען אים געהאַט אויסגעגראָבן און געמאַכט אַ פּלאַטשיקן אַלקער מיט אַן אויסגעבויגענעם דאַך: דער איינציקער דאַך אויפֿן זאַל, אַחוץ די צווײַגן פֿון די ביימער וואָס זיי האָבן אינעווייניק פֿאַרשאָטנט דעם גאַנצן באָדן, איבערלאָזנדיק נאָר אַ ברייטן אָפֿענעם שטעג אין מיטן. אַ קליינע ריטשקע איז אַנטלאָפֿן פֿון די קוואַלן אויבן און, פֿאַרלאָזנדיק דאָס וואַסער גופֿא, אַראָפּגעפֿאַלן קלינגלענדיק אַראָפּ אויף דער שטאָציקער וואַנט, זיך צעגיסנדיק אין זילבערנע טראָפּנס, ווי אַ פֿײַנער פֿירהאַנג פֿאַרן אויסגעבויגענעם אַלקער. דאָס וואַסער האָט זיך ווידער צונויפֿגעקליבן אין אַ שטיינערנעם באַסיין אין דער פּאָדלאָגע צווישן די ביימער, און פֿון דאָרטן זיך אויסגעגאָסן און געשטראָמט לענג־אויס דעם אָפֿענעם שטעג אַרויס, און זיך ווידער אַרײַנגעגאָסן אינעם ענטוואַש אויפֿן וועג דורכן וואַלד.

---

"הם! דאָ איז עס!" האָט בוימבאָרד געזאָגט, איבעררײַסנדיק זײַן לאַנג שווײַגן. "איך האָב אײַך געבראַכט אפֿשר זיבעציק טויזנט ענט־שפּאַנען, אָבער וואָס דאָס זאָל באַטרעפֿן אין דער מאָס פֿון אײַער לאַנד, דאָס ווייס איך ניט. סײַ ווי סײַ זײַנען מיר נאָענט צו די וואָרצלען פֿון דעם **לעצטן באַרג**. אַ טייל פֿונעם נאָמען קער זײַן **וועלינגהאַל** אויב מען וואָלט אים איבערגעזעצט אויף אײַער לשון. עס געפֿעלט מיר. דאָ וועלן מיר איבערנעכטיקן." ער האָט זיי אַוועקגעזעצט אויפֿן גראָז צווישן די רייען ביימער, און זיי זײַנען נאָך אים נאָכגעגאַנגען צום גרויסן בויגן. די האָביטס האָבן איצט דערזען, אַז זײַנע קניִען בייגן זיך קוים בעת ער גייט, נאָר זײַנע פֿיס צעעפֿענען זיך אין אַ גרויסן שפּאַן. זעצט ער אויף דער ערד ערשטנס די

גרויסע פֿוס־פֿינגער (און זיי זײַנען געווען טאַקע גרויס און זייער ברייט), פֿאַר די אַנדערע טיילן פֿון די פֿיס.

אַ רגע איז בוימבאָרד געשטאַנען אינעם רעגן פֿונעם פֿאַלנדיקן קוואַלוואַסער און טיף אײַנגעטאָטעמט; האָט ער זיך דערנאָך צעלאַכט און איז אַרײַנגעגאַנגען. אַ גרויסער שטיינערנער טיש איז דאָרט געשטאַנען אָבער ניט קיין שטולן. הינטן אין דעם אַלקער איז שוין געווען גאַנץ טונקל. בוימבאָרד האָט אויפֿגעהויבן צוויי גרויסע כּלים, זיי אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זײַנען אָנגעפֿילט מיט וואַסער; נאָר ער האָט געהאַלטן די הענט איבער זיי און תּיכּף האָבן זיי אָנגעהויבן צו גליִען, איינער מיט אַ גאָלדענעם ליכט, דער צווייטער מיט אַ רײַכן גרינעם ליכט; און דאָס געמיש פֿון די צוויי ליכט האָט באַלויכטן דעם אַלקער, גלײַך ווי די זומער זון האָט געשײַנט דורך אַ דאַך פֿון יונגע בלעטער. קוקנדיק צוריק האָבן די האָביטס געזען, אַז די ביימער אינעם הויף האָבן אויך אָנגעהויבן צו גליִען, צוערשט שוואַך אָבער כּסדרדיק שטאַרקער ביז יעדער בלאַט האָט געהאַט אַ ראַנד פֿון ליכט: עטלעכע גרין, עטלעכע גאָלד, עטלעכע רויט ווי קופּער; בשעת־מעשׂה האָבן די ביימער אויסגעזען ווי זײַלן געפֿורעמט פֿון לײַכטנדיקן שטיין.

"נו, נו, איצט קענען מיר ווײַטער רעדן," האָט בוימבאָרד געזאָגט. "איר זײַט דאָרשטיק, מיין איך. אפֿשר זײַט איר אויך מיד. טרינקט דאָס!" ער איז געגאַנגען הינטן אין אַלקער און דעמאָלט האָבן זיי דערזען, אַז עטלעכע הויכע שטיינערנע סלויעס שטייען דאָרט, מיט שווערע דעקן. ער האָט צוגענומען איינעם פֿון די דעקן און אײַנגעטונקט אַ גרויס קענדל און דערמיט אָנגעפֿילט דרײַ שיסלען, איינע זייער אַ גרויסע, און צוויי קלענערע.

"אָט דאָ איז אַן ענטהויז," האָט ער געזאָגט, "און ס'זײַנען ניטאָ קיין זיצערטער, זײַט מיר מוחל. אָבער איר קענט זיצן אויפֿן טיש." אויפֿהייבנדיק די האָביטס, האָט ער זיי אַוועקגעזעצט אויפֿן גרויסן שטיינערנעם טעוועלע, זעקס פֿוס אין דער הייך, און דאָרט זײַנען זיי געזעסן, באָמבלענדיק מיט די פֿיס און זופּנדיק.

דער טרונק איז געווען ווי וואַסער, באמת זייער ענלעך אין טעם צו דעם וואָס זיי האָבן געהאַט געטרונקען פֿונעם ענטוואַש בײַם ברעג וואַלד, אָבער ס'איז געווען מיט עפּעס אַ שמוכט אָדער טעם וואָס זיי האָבן ניט געקענט באַשרײַבן: ס'איז געווען שוואַך אָבער ס'האָט זיי דערמאָנט אינעם ריח פֿון אַ ווײַטן וואַלד צוגעטראָגן צו זיי פֿון דער ווײַטנס אויף אַ קיל ווינטל בײַ נאַכט. די ווירקונג פֿונעם טרונק האָט זיך אָנגעהויבן אין די פֿוס־פֿינגער, אויפֿגעהויבן כּסדרדיק דורך די אַלע

אבֿרים, ברענגענדיק דערקוויקונג און ענערגיע אין זײַן לויף אַרויף, פּונקט ביז צו די האָרשפּיצן. באמת האָבן די האָביטס דערפֿילט, אַז די האָר אויף די קעפּ שטייען טאַקע אויף, פֿאָכנדיק און קרײַזלענדיק און וואַקסנדיק. וואָס שייך בוימבאָרדן, האָט ער ערשטנס אָפּגעבאָדן די פֿיס אינעם באַסיין הינטערן בויגן, און דערנאָך אויסגעליידיקט זײַן שיסל אין איין טרונק, אַ לאַנגן, פּאַמעלעכן טרונק. די האָביטס האָבן געמיינט, אַז ער וועט קיין מאָל ניט אויפֿהערן טרינקען.

סוף־כּל־סוף האָט ער ווידער אַוועקגעלייגט די שיסל. "אַה – אַה," האָט ער אָפּגעזיפֿצט. "הם, הווּם, איצט קענען מיר גרינגער רעדן. איר קענט זיך אַוועקזעצן אויף דער פּאָדלאָגע, און איך וועל זיך אַוועקלייגן; דאָס וועט פֿאַרמײַדן, אַז דער טרונק זאָל זיך אויפֿהייבן אין קאָפּ, איך זאָל ניט אַנטשלאָפֿן ווערן."

---

אויף רעכטס אינעם אַלקער איז געשטאַנען אַ גרויסע בעט אויף נידעריקע פֿיס, ניט מער ווי אַ פּאָר פֿוס אין דער הייך, טיף באַדעקט אין געטריקנט גראָז און פֿעדערגראָזן. בוימבאָרד האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם געלעגער (מיט נאָר דעם קנאַפּסטן סימן פֿון בייגן זיך אין דער מיט), ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אויסגעצויגן, מיט די אָרעמס הינטערן קאָפּ, קוקנדיק אויף דער סטעליע, וווּ ליכט האָבן געצאַנקט, ווי דער ציטער פֿון בלעטער אויף דער זון. מערי און פּיפּין זײַנען געזעסן לעבן אים אויף קישנס פֿון גראָז.

"איצט דערציילט מיר אײַער מעשׂה און אײַלט זיך ניט!" האָט בוימבאָרד געזאָגט.

די האָביטס האָבן אָנגעהויבן דערציילן די מעשׂה פֿון זייערע אַוואַנטורעס פֿון זינט זיי זײַנען אַוועק פֿון **האָביטאָן**. האָבן זיי ניט גערעדט אין קיין קלאָרן סדר, ווײַל זיי האָבן זיך כּסדר איבערגעשלאָגן און בוימבאָרד האָט אָפֿט אָפּגעשטעלט דעם רעדנער, צוריקגעקערט צו איינער אַ פֿריִערדיקער זאַך אָדער איבערגעהיפּערט פֿאָרויס פֿרעגנדיק וועגן שפּעטערדיקע געשעענישן. זיי האָבן לחלוטין גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דעם **פֿינגערל**, און אים גאָר ניט דערקלערט פֿאַר וואָס זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אָדער וווּהין זיי זײַנען געגאַנגען; און ער האָט ניט פֿאַרלאַנגט קיין סיבות.

ער האָט זיך גוואַלדיק אינטערעסירט אין אַלצדינג: אין די **שוואַרצע רײַטערס**, אין **עלראָנד** און **ריווענדעל**, אין דעם **אַלטן וואַלד** און **טאָם באָמבאַדיל**, אין די

**שאַכטעס פֿון מאָריִע**, און אין לאָטלאָריִען און **גאַלאַדריִעל**[15]. ער האָט זיי געהייסן באַשרײַבן די **שײַער**[16] און איר געגנט ווידער און אָבער. פּונקט דעמאָלט האָט ער געזאָגט עפּעס מאָדנעס. "איר זעט דען קיין מאָל ניט, הם, קיין ענטן דאָרט אַרום?" האָט ער געפֿרעגט. "נו, ניט ענטן נאָר ענטפֿרויען זאָל איך בעסער זאָגן."

"ענטפֿרויען?" האָט פּיפּין געזאָגט. "זײַנען זיי עפּעס ענלעך צו אײַך?"

"יאָ, הם, איז, ניין: אויף אַן אמת ווייס איך ניט איצט," האָט בוימבאָרד געזאָגט פֿאַרטראַכט. "אָבער אײַער לאַנד וואָלט זיי געפֿעלן, איז האָב איך געוואָלט וויסן."

בוימבאָרד האָט זיך אָבער ספּעציעל פֿאַראינטערעירט אין אַלצדינג וואָס האָט צו טאָן מיט גאַנדאַלף; און נאָך מער אין וואָס ס'טוט זיך מיט סאַרומאַנען. די האָביטס האָבן שטאַרק חרטה געהאַט וואָס זיי ווייסן דאָך זייער ווייניק וועגן זיי: נאָר אַ גאַנץ אומקלאָרן באַריכט פֿון **סאַמען**[17] וועגן דעם וואָס גאַנדאַלף האָט דערציילט דעם **ראָט**. אָבער זיי זײַנען געווען קלאָר על־כּל־פּנים, אַז **אוגלוק**[18] מיט זײַנע חיילות זײַנען געקומען פֿון איסענגאַרד, און האָבן גערעדט פֿון סאַרומאַנען ווי זייער שעף.

"הם, הוּום!" האָט בוימבאָרד געזאָגט, ווען זייער געשיכטע האָט זיך סוף־כּל־סוף צעדרייט און געוואָגלט ביז צו דער שלאַכט צווישן די אָרקס און די **רײַטערס פֿון ראָהאַן**. "נו, גוט! דאָס איז באמת אַ בינטל נײַעס. איר האָט מיר ניט דערציילט אַלץ, כלעבן, ווײַט ניט אַלץ. אָבער איך בין ניט אין ספֿק, אַז איר טוט דאָס אַלץ פּונקט ווי גאַנדאַלף וואָלט געוואָלט איר זאָלט עס טאָן. עפּעס זייער גרויס טוט זיך דאָ, דאָס קען איך זען, און וואָס דאָס איז וועל איך זיך אפֿשר דערוויסן אין אַ גוטער צײַט, צי אַ בייזער. בײַ וואָרצל און צווײַגל איז דאָס דאָך אַ מאָדנער עסק: עס שפּראָצט אַרויף אַ קליין פֿאָלק וואָס שטייט ניט אויף די אַלטע רשימות און זעט נאָר! די פֿאַרגעסענע **נײַן רײַטערס** יאָווען זיך נאָך אַ מאָל זיי צו יאָגן, און גאַנדאַלף פֿירט זיי אויף אַ גרויסער נסיעה, און גאַלאַדריִעל נעמט זיי אַרײַן אין **קאַראַס גאַלאַדאָן**, און אָרקס יאָגן זיי נאָך דורך די אַלע מײַלן פֿון **ווילדערלאַנד**: באמת דאַכט זיך, אַז זיי זײַנען געפּאַקט געוואָרן אין אַ גרויסן שטורעם. איך האָף, אַז זיי וועלן אים בײַקומען!"

"און וואָס איז מיט אײַך אַליין?" האָט מערי געפֿרעגט.

"הוּום, הם, איך האָב גאָרנישט ניט צו טאָן מיט די **גרויסע מלחמות**," האָט בוימבאָרד געזאָגט; "אָט דאָס איז די דאגה פֿון עלפֿן און מענטשן. דער עסק פֿון

מכשפֿים: מכשפֿים זײַנען שטענדיק פֿאַרנומען מיט דער צוקונפֿט. איך האָב ניט ליב זאָרגן זיך וועגן דער צוקונפֿט. איך בין ניט אין גאַנצן אויף קיינעמס צד, ווײַל קיינער איז ניט אין גאַנצן אויף מײַן צד, אויב איר פֿאַרשטייט מיך: קיינער גיט זיך ניט אָפּ מיט די וועלדער ווי איך גיב זיך אָפּ מיט זיי, אַפֿילו ניט די עלפֿן הײַנט צו טאָג. פֿונדעסטוועגן האַלט איך מער פֿון עלפֿן ווי פֿון אַנדערע: ס'זײַנען געווען די עלפֿן וואָס האָבן אויסגעהיילט אונדזער שטומקייט ווײַט אין עבֿר, וואָס איז געווען אַ גרויסע מתּנה וואָס מע טאָר ניט פֿאַרגעסן, כאָטש אונדזערע דרכים האָבן זיך צעשיידט פֿון דעמאָלט אָן. און עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע זאַכענישן, אַוודאי, וועמענס צד איז גאָר ניט מײַן צד; בין איך לחלוטין אַנטקעגן זיי: אָט די – בוראַרום" (האָט ער נאָך אַ מאָל געגעבן אַ טיפֿן בורטש עקל) "אָט די אָרקס מיט זייערע פֿירערס.

"איך פֿלעג זײַן אומרויִק ווען דער שאָטן איז געלעגן אויף כמאַרנעוואַלד, נאָר ווען ער האָט זיך געוקט קיין **מאָרדאָר**[19], האָב איך זיך ניט געדאגהט אויף אַ ווײַלע: מאָרדאָר איז שוין ווײַט פֿון דאַנען. אָבער דאַכט זיך, אַז דער ווינט קערט זיך אויף מיזרח, און דאָס פֿאַרוועלקן פֿון די אַלע וועלדער קומט אפֿשר נאָענט. ס'איז ניטאָ גאָרנישט וואָס אַן אַלטער ענט קען טאָן אײַנצוהאַלטן אַזאַ שטורעם: מוז ער אים אויסהאַלטן אָדער צעשפּאַלטן זיך.

"אָבער סאַרומאַן גאָר! סאַרומאַן איז אַ שכן: אים קען איך ניט פֿאַרקוקן. מוז איך עפּעס טאָן, מיין איך. האָב איך אָפֿט געוואָלט וויסן לעצטנס וואָס איך זאָל טאָן וועגן סאַרומאַנען."

"ווער איז סאַרומאַן?" האָט פּיפּין געפֿרעגט. "ווייסט איר עפּעס וועגן זײַן געשיכטע?"

"סאַרומאַן איז אַ מכשף," האָט בוימבאָרד געענטפֿערט. "מער ווי דאָס קען איך ניט זאָגן. איך ווייס ניט די געשיכטע פֿון מכשפֿים. זיי האָבן זיך ערשט באַוויזן נאָך דעם ווי די **גרויסע שיפֿן** זײַנען געקומען פֿון איבערן ים; אויב זיי זײַנען געקומען מיט די שיפֿן, דאָס ווייס איך פֿאָרט ניט. סאַרומאַנען האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסער צווישן זיי, מיין איך. ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס אַרומוואַנדערן און דאָס געבן אַכטונג אויף די ענינים פֿון מענטשן און עלפֿן מיט אַ ווײַלע צוריק – איר וואָלט עס גערופֿן זייער אַ לאַנגע צײַט צוריק; האָט ער זיך באַזעצט אין **אַגרענאָסט** אָדער איסענגאַרד ווי די מענטשן פֿון ראָהאַן רופֿן עס. ער איז געווען זייער שטיל בײַם אָנהייב, אָבער זײַן שם איז זיך צעוואַקסן. מע האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר דעם ראָש פֿון דעם **ווײַסן ראָט**, זאָגט מען; איז דאָס אָבער

געוואָרן שלעכט. איצט פֿרעג איך זיך אויב אַפֿילו דעמאָלט האָט סאַרומאַן זיך געלאָזט אויף בייזע דרכים. אָבער על־כּל־פּנים האָט ער ניט געשטערט די שכנים. איך פֿלעג רעדן מיט אים. אַ מאָל איז געווען אַ צײַט ווען ער איז תּמיד אַרומגעגאַנגען אין די וועלדער מײַנע. איז ער דעמאָלט געווען העפֿלעך, תּמיד געבעטן בײַ מיר רשות (ווייניקסטנס ווען מיר האָבן זיך אָנגעגעגנט); און תּמיד האָט ער געהאַט אַ חשק זיך צוצוהערן. האָב איך אים דערציילט אַ סך וואָס ער וואָלט זיך אַליין ניט געקענט דערוויסן; אָבער ער האָט מיך קיין מאָל ניט צוריקגעצאָלט שווה־כּסף. איך קען זיך ניט דערמאָנען, אַז ער האָט מיר אַ מאָל אַבי וואָס דערציילט. און ער איז געוואָרן אַלץ מער אַזוי; זײַן פּנים, ווי איך געדענק עס – איך זע עס ניט שוין אַ סך טעג – איז געוואָרן ווי פֿענצטער אין אַ שטיינערנער וואַנט: פֿענצטער מיט לאָדנס אינעווייניק.

"איך מיין, אַז איך פֿאַרשטיי איצט וואָס ער האָט אין זינען. ער אינטריגירט צו ווערן אַ **תּקיף**. ער האָט אַ מוח פֿון מעטאַל און רעדער; זאָרגט ער ניט פֿאַר קיין לעבעדיקע זאַכן, סײַדן זיי דינען אים צו אויף אַ ווײַלע. און איצט איז קלאָר, אַז ער איז גאָר אַ שוואַרצער פֿאַררעטער. פֿאַרנעמט ער זיך מיט ברודיקע פֿעלקער, מיט די אָרקס. ברם, הוום! נאָך ערגער: ער האָט עפּעס געמאַכט פֿון זיי; עפּעס סכּנהדיקס. מחמת די דאָזיקע איסענגאַרדער זײַנען מער ווי בייזע מענטשן. ס'איז אַ טבֿע פֿון די בייזע באַשעפֿענישן וואָס זײַנען געקומען אין דעם גרויסן פֿינצטערניש, אַז זיי קענען ניט אויסהאַלטן די זון; אָבער סאַרומאַנס אָרקס קענען זי יאָ אויסהאַלטן, כאָטש זיי האָבן זי פֿײַנט. איך וואָלט געוואָלט וויסן וואָס ער האָט געטאָן. זײַנען זיי מענטשן וואָס ער האָט חרובֿ געמאַכט, צי האָט ער צונויפֿגעהאָפֿטן די גזעס פֿון אָרקס און מענטשן? דאָס וואָלט געווען אַ פֿינצטער בייזס!"

בוימבאָרד האָט געבורטשעט אַ רגע, גלײַך ווי ער רעדט אַרויס עפּעס אַ טיפֿע אונטערערדישער ענטישער קללה. "מיט אַ ווײַל צוריק האָב איך אָנגעהויבן איבערצוטראַכטן ווי אַזוי די אָרקס האָבן זיך דערוועגט דורכצוגיין אַזוי פֿרײַ דורך מײַנע וועלדער," האָט ער ווײַטער געזאָגט. "נאָר לעצטנס האָב איך געטראָפֿן, אַז סאַרומאַן איז געווען שולדיק, און לאַנג צוריק האָט ער אויסשפּיאָנירט די אַלע וועגן און אַנטפּלעקט מײַנע סודות. ער מיט אַלע זײַנע ברודיקע פֿעלקער מאַכן איצט אַ תּל פֿון אַלץ. לעבן די גרענעצן האַקן זיי אַראָפּביימער – גוטע ביימער. געציילטע ביימער האַקן זיי אַראָפּ און לאָזן פֿוילן – אָרק־שאָדן איז דאָס; אָבער די מערסטע זײַנען אויסגעטעסעט געוואָרן און אַוועקגעטראָגן פֿאַר די פֿײַערן אין **אָרטאַנק**. שטענדיק הייבט זיך אויף אַ רויך פֿון איסענגאַרד די טעג.

"אַ בראָך צו אים, וואָרצל און צווײַג! אַ סך פֿון די אָ ביימער זײַנען געווען מײַנע פֿרײַנד, ברואים וואָס איך האָב געקענט פֿון ניסל און חזיר־ניסל; אַ סך האָבן געהאַט זייערע אייגענע קולער, וואָס זײַנען איצט פֿאַרלוירן אויף אייביק. און עס זײַנען דאָ וויסטערנישן פֿון קאָרטש און שטעכל־קוסט, ווו אַ מאָל זײַנען געווען זינגענדיקע וועלדלעך. איך בין געווען אַ פֿוילער, האָב איך געלאָזט זאַכן זיך צעפֿאַלן. עס מוז אויפֿהערן!"

בוימבאָרד האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן בעט מיט אַ צאַפּל, זיך אויפֿגעשטעלט, און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש. די כּלים פֿון ליכט האָבן געציטערט און אַרויפֿגעלאָזט צוויי שפּריצן פֿלאַמען. ס'איז געווען אַ צאַנק ווי גרינער פֿײַער אין זײַנע אויגן, און זײַן באָרד האָט אַרויסגעשטאַרצט שטײַף ווי אַ גרויסער בעזעם.

"איך וועל עס אָפּשטעלן!" האָט ער געדונערט. "און איר וועט מיך באַלייטן. אפֿשר קענט איר מיר העלפֿן. אַזוי וועט איר אויך העלפֿן אײַערע אייגענע פֿרײַנד; וואָרן אויב סאַרומאַן וועט ניט אײַנגעהאַמעוועט ווערן, וועלן ראָהאַן און **גאָנדאָר** האָבן אַ שׂונא פֿון הינטן ווי אויך פֿון פֿאָרנט. אונדזערע וועגן גייען צוזאַמען – קיין איסענגאַרד!"

"מיר וועלן מיטגיין מיט אײַך," האָט מערי געזאָגט. "מיר וועלן טאָן וואָס מיר קענען."

"יאָ!" האָט פּיפּין געזאָגט. "איך וואָלט געוואָלט זען די **ווײַסע האַנט** אַן איבערגעקערטע. איך וואָלט געוואָלט זײַן דאָרט, אַפֿילו אויב איך קען נאָר ווייניק טאָן; איך וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן אוגלוק און דאָס איבערגיין ראָהאַן."

"גוט! גוט!" האָט בוימבאָרד געזאָגט. "אָבער איך האָב ראַפּטעם גערעדט. מיר טאָרן ניט כאַפּן. איך בין געוואָרן צו הייס. מוז איך זיך קילן און טראַכטן; וואָרן ס'איז גרינגער צו שרײַען '<u>הערט אויף</u>!' ווי דאָס אויפֿצוטאָן!"

ער האָט צוגעשפּאַנט צום בויגנגאַנג און איז געשטאַנען אַ ווײַלע אונטערן פֿאַלנדיקן רעגן פֿונעם קוואַל. האָט ער אַ לאַך געטאָן און זיך געטרייסלט, און ווו נאָר די וואַסער־טראָפּנס זײַנען שימערירנדיק אַראָפּגעפֿאַלן, האָבן זיי געבלישטשעט ווי רויטע און גרינע פֿונקען. איז ער צוריקגעקומען, זיך ווידער אַוועקגעלייגט אויפֿן בעט, אַנטשוויגן געוואָרן.

---

נאָך אַ ווײַלע האָבן די האָביטס דערהערט, אַז ער מורמלט ווידער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ציילט אָפּ אויף די פֿינגער. "פֿאַנגאָרן, **פֿינגלאַס**, **פֿלאַדריף**, יאָ, יאָ," האָט ער געזיפֿצט. "די צרה איז, אַז זייער ווייניק פֿון אונדז בלײַבן איבער," האָט ער געזאָגט, זיך דרייענדיק צו די האָביטס. "נאָר דרײַ בלײַבן פֿון די ערשטע ענטן וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿאַר דעם פֿינצטערניש: נאָר איך אַליין, פֿאַנגאָרן, מיט פֿינגלאַסן און פֿלאַדריפֿן – אַזוי רופֿט מען זיי מיט די עלפֿישע נעמען; איר מעגט זיי רופֿן **בלעטלאָק** און **הויטקאָרע** אויב דאָס געפֿעלט אײַך בעסער. און פֿון אונדז דרײַ, טויגן ניט בלעטלאָק און הויטקאָרע צו דעם דאָזיקן ענין. בלעטלאָק איז געוואָרן שלעפֿעריק, כּמעט ביימעריש, קען מען זאָגן: ער האַלט אין איין שטיין אַליין האַלב אײַנגעשלאָפֿן אַ גאַנצן זומער מיט די טיפֿע לאָנקעגראָזן אַרום די קניִען. באַדעקט מיט בלעטערישע האָר איז ער. ער פֿלעגט זיך אויפֿכאַפּן ווינטערצײַט אָבער לעצטנס איז ער צו שלעפֿעריק צו גיין ווײַט אַפֿילו דעמאָלט. הויטקאָרע האָט געווינט אויף די בערג־שיפּועים אויף מערבֿ פֿון איסענגאַרד. דאָרט זײַנען געווען די ערגסטע צרות. איז ער פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן פֿון די אָרקס, און אַ סך פֿון זײַנע קרובֿים און זײַנע ביימער־פּאַסטעכער זײַנען דערהרגעט געוואָרן און חרובֿ געמאַכט. איז ער אַרויף אויף די הויכע ערטער צווישן די בערעזעס וואָס ער האָט זיי אַזוי ליב, און וועט שוין ניט אַראָפּקומען. פֿונדעסטוועגן ס'איז אַ סבֿרא, אַז איך קען צונויפֿקלײַבן אַ היפּשע ראָטע פֿון אונדזערע יִינגערע לײַט – אויב איך קען זיי געבן צו פֿאַרשטיין די נייטיקייט; אויב איך קען זיי אויפֿרודערן: מיר זײַנען ניט קיין ברידקע לײַט. אַ שאָד וואָס ס'זײַנען דאָ אַזוי ווייניק פֿון אונדז!"

"פֿאַר וואָס זײַנען דאָ אַזוי ווייניק, אויב איר ווינט שוין אַזוי לאַנג אין דעם לאַנד?" האָט פּיפּין געפֿרעגט. "זײַנען אַזוי פֿיל געשטאָרבן?"

"אַך, ניין!" האָט בוימבאָרד געזאָגט. "קיינער איז ניט געשטאָרבן פֿון אינעווייניק, לאָמיך זאָגן. עטלעכע זײַנען אומגעקומען אַוודאי דורך די בייזע צופֿאַלן פֿון די אַלע יאָרן; און מער זײַנען געוואָרן ביימעריש. אָבער קיין מאָל זײַנען ניט געווען קיין סך פֿון אונדז און מיר האָבן זיך ניט פֿאַרמערט. עס זײַנען ניט געווען קיין ענטעלעך – קיין קינדער, וועט איר זאָגן – אין משך פֿון אַ מוראדיקער צאָל יאָרן. איר פֿאַרשטייט, מיר האָבן פֿאַרלוירן די ענטפֿרויען."

"אַזוי שטאַרק טרויעריק!" האָט פּיפּין געזאָגט. "ווי אַזוי איז עס, אַז זיי זײַנען אַלע געשטאָרבן?"

"זיי זײַנען ניט געשטאָרבן!" האָט בוימבאָרד געזאָגט. " איך האָב קיין מאָל ניט געזאָגט 'געשטאָרבן'. מיר האָבן זיי פֿאַרלוירן, האָב איך געזאָגט. מיר האָבן זיי פֿאַרלוירן און קענען זיי ניט געפֿינען." האָט ער געזיפֿצט. "איך האָב געמיינט, אַז ס'רובֿ לײַט האָבן דאָס געוווּסט. עס זײַנען געווען לידער וועגן דאָס געיעג פֿון די ענטן נאָך די ענטפֿרויען, געזונגען צווישן עלפֿן און מענטשן פֿון כמאַרנעוואַלד ביז גאָנדאָר. עס קען ניט זײַן, אַז מע האָט זיי גאָר פֿאַרגעסן."

"מוז איך אײַך זאָגן, אַז די דאָזיקע לידער זײַנען ניט געקומען אויף מערבֿ איבער די בערג ביז צו דער שײַער," האָט מערי געזאָגט. "איך בעט אײַך, דערציילט אונדז נאָך מער אָדער זינגט פֿאַר אונדז איינס פֿון די לידער."

"יאָ, אַוודאי," האָט בוימבאָרד געזאָגט, אַ פּנים צופֿרידן מיט דער בקשה. "אָבער איך קען עס ניט רעכט דערציילן, נאָר בקיצור; און דערנאָך מוזן מיר פֿאַרענדיקן דעם שמועס: מאָרגן דאַרפֿן מיר ראָטן צונויפֿרופֿן און אַרבעט מאַכן, און אפֿשר אַ נסיעה אָנהייבן."

---

"ס'איז אַ גאַנץ מאָדנע און טרויעריקע מעשׂה," האָט ער ווײַטער געזאָגט נאָך אַ פּויזע. "ווען די וועלט איז געווען יונג און די וועלדער זײַנען געווען ברייט און ווילד, זײַנען די ענטן און ענטפֿרויען – און דעמאָלט זײַנען געווען ענטמוידן: אַך! די שיינקייט פֿון **פֿימברעטילן**, פֿון **שטעקל־אבֿרן** דער בנעימותדיקער, אין אונדזערע יונגע יאָרן! – אַרומגעגאַנגען צוזאַמען און געוווינט צוזאַמען. אָבער אונדזערע הערצער האָבן זיך ניט אַנטוויקלט אויף די זעלביקע דרכים: די ענטן זײַנען פֿאַרליבט געוואָרן אין די זאַכן וואָס זיי האָבן געטראָפֿן אויף דער וועלט, און די ענטפֿרויען האָבן אַכט געלייגט אויף אַנדערע זאַכן, וואָרן די ענטן האָבן ליב געהאַט די גרויסע ביימער און די צעווילדעוועטע וועלדער, און די שיפּועים פֿון די הויכע בערג; האָבן זיי געטרונקען פֿון די בערג־ריטשקעס, און געגעסן נאָר די פֿרוכטן וואָס די ביימער האָבן אַראָפּגעלאָזט פֿאַר זיי; האָבן זיי זיך דערוווּסט פֿון די עלפֿן און גערעדט מיט די ביימער. אָבער די ענטפֿרויען האָבן אַכט געלייגט אויף די קלענערע ביימער, און אויף די טאָלעקעס אויף דער זון הינטער די וועלדער; האָבן זיי געזען דעם שוואַרצדאָרן[20] אין דער געדיכטעניש, און דעם ווילדן עפּלבוים און דעם קאַרשנבוים בליִענדיק פֿרילינגצײַט, און די גרינע קרײַטעכצער אין די וואַסערערטער זומערצײַט, און די באַזוימענדיקע גראָזן אין די האַרבסטיקע פֿעלדער. האָבן זיי ניט געוואָלט רעדן מיט די דאָזיקע חפֿצים; נאָר געוואָלט, אַז יענע זאָלן זיך צוהערן און פֿאָלגן דאָס וואָס מע זאָגט צו זיי. די ענטפֿרויען האָבן זיי

געהייסן זיי זאָלן וואַקסן ווי זיי ווילן, און טראָגן בלעטער און פּרוכט נאָך זייער גוסט נאָך; ווײַל די ענטפּרויען האָבן געוואָלט האָבן אָרדענונג, און שפּע, און שלום (דאָס הייסט בײַ זיי, אַז חפּצים זאָלן בלײַבן דאָרט ווו מע האָט זיי אַוועקגעלייגט). איז די ענטפּרויען האָבן געמאַכט גערטנער ווו צו וווינען. אָבער מיר ענטן האָבן ווײַטער געוואַנדערט, נאָר קומענדיק אין די גערטנער פֿון צײַט צו צײַט. נאָך דעם, ווען דאָס פֿינצטערניש איז אָנגעקומען אין דעם צפֿון, זײַנען די ענטפּרויען איבערגעגאַנגען איבער דעם **גרויסן טײַך** און געמאַכט נײַע גערטנער, געאַקערט נײַע פֿעלדער, און מיר האָבן זיי געזען זעלטענער. נאָך דעם ווי דאָס פֿינצטערניש איז איבערגעקערט געוואָרן האָט דאָס לאַנד פֿון די ענטפּרויען רײַך געבליט, און זייערע פֿעלדער זײַנען געווען פֿול מיט תּבֿואה. אַ סך מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאָכות פֿון די ענטפּרויען און האָבן זיי שטאַרק מכבד געווען; אָבער מיר זײַנען געווען נאָר אַ לעגענדע בײַ זיי, אַ סוד אינעם האַרצן פֿונעם וואַלד. פֿונדעסטוועגן זײַנען מיר נאָך דאָ, בשעת די אַלע גערטנער פֿון די ענטפּרויען זײַנען צעפּטערט געוואָרן. מענטשן רופֿן זיי איצט די **ברוינע לענדער**.

"איך געדענק, ס'איז געווען דאָך לאַנג צוריק – אין דער צײַט פֿון דער מלחמה צווישן סאָוראָנען און די **ים־מענטשן** – מיר האָט זיך פֿאַרגלוסט צו זען פֿימברעטילן נאָך אַ מאָל. זייער שיין איז זי נאָך געווען אין מײַנע אויגן ווען איך האָב זי צו לעצט געהאַט געזען, כאָטש ניט זייער ענלעך צו דער ענטמויד פֿון פֿריִער. וואָרן די ענטפּרויען זײַנען אײַנגעבויגן געוואָרן און אָפּגעברוינט פֿון זייער האָרעוואַניע; זייערע האָר —— אויסבליאַקירט פֿון דער זון ביז זיי זײַנען געוואָרן די שאַטירונג פֿון צײַטיקער תּבֿואה און זייערע באַקן ווי רויטע עפּל. נאָר זייערע אויגן זײַנען נאָך אַלץ געווען די אויגן פֿון אונדזערע אייגענע. מיר זײַנען אַריבער איבערן **טײַך־אַנדויִן** און אָנגעקומען אין זייער לאַנד. נאָר מיר האָבן געפֿונען אַ מידבר: אַלץ איז פֿאַרברענט און אויסגעוואָרצלט געוואָרן, מחמת אַ מלחמה איז געהאַט דורך אים דורכגעגאַנגען. אָבער די ענטפּרויען זײַנען דאָרט ניט געווען. לאַנג האָבן מיר גערופֿן און לאַנג האָבן מיר געזוכט; און נאָכגעפֿרעגט בײַ די אַלע וואָס מיר האָבן געטראָפֿן, וווּהין די ענטפּרויען זײַנען געגאַנגען. עטלעכע האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן זיי קיין מאָל ניט געזען; און עטלעכע האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן זײ געזען גייענדיק אויף מערבֿ, און עטלעכע האָבן געזאָגט אויף מיזרח, און אַנדערע אויף דרום. אָבער אין ערגעץ ווו מיר זײַנען געגאַנגען האָבן מיר זיי ניט געקענט געפֿינען. אונדזער צער איז געווען זייער גרויס. אָבער דער ווילדער וואַלד האָט אונדז צוגערופֿן, האָבן מיר זיך אַהין אומגעקערט. זייער אַ סך יאָרן פֿלעגן מיר אַלע ווײַלע זיך אַרויסלאָזן זוכן די ענטפּרויען, גייענדיק איבער שטאָק און שטיין און רופֿנדיק זיי בײַ זייערע שיינע נעמען. אָבער מיט דער צײַט זײַנען מיר געגאַנגען

זעלטענער און ניט אַזוי ווײַט. און איצט זײַנען די ענטפֿרויען אונדז נאָר אַ זכּרון, און אונדזערע בערד זײַנען לאַנג און גרוי. די עלפֿן האָבן געמאַכט אַ סך לידער וועגן דעם **זוכן פֿון די ענטן**, און עטלעכע פֿון די לידער זײַנען אַרײַן אין די לשונות פֿון מענטשן. האָבן מיר אָבער ניט געמאַכט קיין לידער דערוועגן, זײַענדיק צופֿרידן צו זינגען זייערע שיינע נעמען ווען מיר האָבן געטראַכט וועגן די ענטפֿרויען. מיר גלייבן, אַז עס קען זײַן מיר וועלן זיך ווידער טרעפֿן אין אַ קומעדיקער צײַט, און אפֿשר וועלן מיר געפֿינען ערגעץ ווו אַ לאַנד ווו מיר קענען הויזן מיט זיי צוזאַמען, ווו מיר ביידע זאָלן זײַן צופֿרידן. אָבער מע זאָגט אָן, אַז דאָס וועט פֿאָרקומען נאָר ווען מיר וועלן ביידע האָבן אַלץ פֿאַרלוירן וואָס מיר פֿאַרמאָגן. און עס קער זײַן, אַז אָט די צײַט ציט זיך ענדלעך נאָענט. וואָרן אויב סאָוראָן פֿון דעמאָלט האָט חרובֿ געמאַכט די גערטנער, זעט אויס, אַז דער הײַנטיקער שׂונא גרייט זיך צו צו פֿאַרוועלקן די אַלע וועלדער.

"ס'איז געווען אַן עלפֿיש ליד וועגן דעם, וויינקסטנס ווי איך פֿאַרשטיי עס. מע פֿלעגט דאָס זינגען אַרויף און אַראָפּ דעם גרויסן טײַך. ס'איז קיין מאָל ניט געווען קיין ענטיש ליד, פֿאַרשטייט איר: עס וואָלט געווען זייער אַ לאַנג ליד אויף ענטיש! אָבער מיר קענען עס אויף אויסנווייניק, און זשומען עס פֿון צײַט צו צײַט. אַזוי גייט עס אויף אײַער לשון:

ענט:

*ווען ווענסע עפֿנט דעם בוקעס־בלאַט, און סאָק שטראָמט דורך דער צווײַג,*
*ווען ליכט שײַנט אויף דעם ווילד־וואַלד־טײַך, און דאָס ווינטל טוט אַ שטײַג,*
*ווען שפּאַן איז לאַנג, און אָטעם טיף, און שאַרף די לופֿט אויף שטיין,*
*צוריק צו מיר! צוריק צו מיר, און זאָג מײַן לאַנד איז שיין!*

ענטפֿרוי:

*ווען ווענסע קומט צו געהעפּט און פֿעלד ווו נײַע תּבֿואה שטייט,*
*ווען אויף די סעדער ליגט דער צוויט ווי שטאַרק ווײַסער שניי פֿאַרשפּרייט,*
*ווען דאָס גערוך פֿון רעגנדל און זון דרינגט דורך די לופֿט אויף שטיין,*
*איך וועל דאָ בלײַבן און וועל ניט גיין, ווײַל דאָס מײַן לאַנד איז שיין.*

ענט:

*ווען סע שפּרייט זיך אויף דער וועלט אַ זומער אַ גאָלדענער,*
*וועלן חלומען דיביימער אונטער שלאָפֿנדיקע בלעטער;*
*ווען דער ווינט פֿון מערבֿ ווייעט אין וואַלד־זאַלן גרינע, קילע,*
*צוריק צו מיר! צוריק צו מיר, און זאָג מײַן לאַנד'ז דאָס בעסטע!*

ענטפֿרוי:

*ווען זומער וואַרעמט די הענגענדיקע אויפּס און ברענט די יאַגדעס ברוין,*
*ווען שטרוי ווערט גאָלד און קערלעך ווייַס און דער שניט צייַטיק שוין,*
*ווען האָניק לויפֿט אויס און עפּל וואַקסט, כאָטש ס'בלאָזן די ווינטן מערבֿדיקע,*
*איך וועל דאָ בלייַבן אויף דער זון, ווייַל דאָס מייַן לאַנד'ז דאָס בעסטע!*

ענט:

*ווען ווינטער קומט מיט קרירה צו דערהרגענען וואַלד און באַרג,*
*ווען ביימער פֿאַלן און שטערנלאָזע נאַכט פֿאַרשלינגט זונלאָזן טאָג,*
*ווען מיזרח־ווינט ווייעט אויף טויט און ברענגט אַ רעגן ביטער,*
*וועל איך דיך זוכן און צו דיר רופֿן און צו דיר קומען ווידער!*

ענטפּרוי:

*ווען ווינטער קומט און זינגען שווייַגט און דער חושך פֿאַלט אַראָפּ,*
*ווען צעבראָכן ווערט די ליידיקע צווייַג און גייען ליכט און אַרבעט אָפּ,*
*וועל איך דיך זוכן און אויף דיר האַרן, ביז וואַנעט מיר טרעפֿן זיך ווידער;*
*וועלן מיר גיין אויף דעם וועג אין איינעם אונטער דעם רעגן ביטער!*

ביידע:

*מיר וועלן זיך לאָזן אויף מערבֿ אין וועג, ביידע צוזאַמען,*
*צו געפֿינען אַן אָרט ווו די הערצער קענען זיך אָפּרוען.*

בוימבאָרד האָט געענדיקט זײַן ליד. "אָט אַזוי גייט עס," האָט ער געזאָגט. "ס'איז עלפֿיש, אַוודאי: לײַכטהאַרציק, גיך גערעדט, און באַלד פֿאַרענדיקט. געגוג שיין, מעג איך זאָגן. אָבער די ענטן האָבן געקענט זאָגן מער אויף זייער אייגענעם צד, וואָלטן זיי נאָר געהאַט צײַט! נאָר איצט וועל איך אויפֿשטיין און גיין שלאָפֿן. ווו וועט איר שטיין?"

"געוויינטלעך לייגן מיר זיך אַוועק אויף צו שלאָפֿן!" האָט מערי געזאָגט. "אונדז איז גאַנץ גוט אָט דאָ."

"זיך אַוועקלייגן שלאָפֿן!" האָט בוימבאָרד געזאָגט. "אַוודאי טוט איר אַזוי! הם, הוום! איך האָב פֿאַרגעסן: זינגען דאָס ליד האָט מיר דערמאָנט אין די אַלטע צײַטן; שיִער ניט געמיינט, אַז איך רעד מיט יונגע ענטעלעך, רעד איך. נו, איר קענט זיך אַוועקלייגן אויפֿן בעט. איך גיי זיך אַוועקשטעלן דאָרט אינעם רעגן. אַ גוטע נאַכט!"

מערי און פּיפּין זײַנען אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בעט, זיך אַוועקגעלייגט אינעם ווייכן גראָז און פֿעדערגראָז. ס'איז געווען פֿריש און זיס פּאַרפֿומירט און וואַרעם. די ליכט זײַנען אויסגעגאַנגען, און די שײַן פֿון די ביימער האָט פֿאַרבליט; אָבער אין

דרויסן אונטערן בויגן האָבן זיי געקענט זען בוימבאָרדן שטייענדיק, ניט רירנדיק זיך פֿון אָרט, מיט די הענט איבערן קאָפּ. די ליכטיקע שטערן האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון הימל אַראָפּ, באַלויכטן דאָס פֿאַלנדיקע וואַסער בעת עס האָט זיך פֿאַרגאָסן אויף זײַנע פֿינגער און קאָפּ, און האָט געקאַפּעט, געקאַפּעט אין הונדערטער זילבערנע טראָפּנס אויף זײַנע פֿיס. צוהערנדיק זיך צו דעם קלינגלען פֿון די טראָפּנס זײַנען די האָביטס אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

---

זיי האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט און געטראָפֿן אַ קילע זון אַרײַנשײַנענדיק אינעם גרויסן הויף אַרײַן און אויפֿן דיל פֿון אַלקער. דרויבלעך הויכע וואָלקנס האָבן געשטראָמט אין דער הייך פֿאַרן שטאַרקן מיזרח־ווינט. בוימבאָרד איז ניט געווען צום זען; אָבער בעת מערי און פּיפּין האָבן זיך געבאָדן אינעם באַסיין לעבן דעם בויגן האָבן זיי אים דערהערט זשומען און זינגען, צוקומענדיק אויפֿן וועג צווישן דיביימער.

"הוו, האָ! גוט מאָרגן, מערי און פּיפּין!" האָט ער געדונערט, ווען ער האָט זיי דערזען. "איר שלאָפֿט לאַנג. איך בין שוין אַ סך הונדערטער שפּאַנען הײַנט. איצט וועלן מיר עפּעס טרינקען און גיין אין **ענטראָט**."

ער האָט זיי אָנגעגאָסן צוויי פֿולע שיסלען פֿון אַ שטיינערנעם סלוי; נאָר פֿון אַ צווייטן סלוי. דער טעם איז געווען אַנדערש פֿון נעכטן בײַ נאַכט: ערדישער און רײַכער, נערעוודיקער און מער ווי עסנוואַרג, אַזוי צו זאָגן. בעת די האָביטס האָבן געטרונקען, זיצנדיק אויפֿן קאַנט פֿון בעט, שטשיפּענדיק קליינע שטיקלעך עלף־לעקעך (ניט וואָס זיי זײַנען געווען הונגעריק, נאָר ווײַל זיי האָבן געמיינט, אַז פֿרישטיקצײַט דאַרף מען עסן), איז בוימבאָרד אויפֿגעשטאַנען, זשומענדיק אויף ענטיש צי עלפֿיש צי עפּעס אַ פֿרעמד לשון, קוקנדיק אויפֿן הימל.

"ווו איז ענטראָט?" האָט פּיפּין זיך דערוועגט צו פֿרעגן.

"הוו, הע? ענטראָט?" האָט בוימבאָרד געזאָגט, זיך אומדרייענדיק. "ס'איז ניט קיין אָרט, ס'איז אַ צונויפֿקום פֿון ענטן – וואָס געשעט זעלטן הײַנטיקע צײַטן. אָבער איך האָב זיך געבריהט צו מאַכן אַ היפּשע צאָל צוזאָגן, אַז זיי וועלן קומען. מיר וועלן זיך צונויפֿקומען אויפֿן געוויינטלעכן אָרט: **דערנדינגל** האָט מען אים גערופֿן. ס'איז העט אויף דרום פֿון דאַנען. מיר מוזן דאָרט אָנקומען פֿאַר האַלבן טאָג."

נאָך אַ קורצער צײַט האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט. בוימבאָרד האָט געטראָגן די האָביטס אויף די הענט ווי אויפֿן פֿריִערדיקן טאָג. בײַם אַרײַנגאַנג פֿונעם הויף האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אויף רעכטס, אַריבערגעטראָטן דאָס טײַכל, און געשפּאַנט אויף דרום לענג־אויס דעם צופֿוסנס פֿון גרויסע אײַנגעפֿאַלענע שיפּועים, קנאַפּ באַדעקט מיטביימער. איבער זיי האָבן די האָביטס געזען געדיכטענישן פֿון בערעזעס און יאַסענס[21], און הינטער זיי — טונקעלע אַרויפֿקריכנדיקע סאָסנע־וועלדער. באַלד האָט זיך בוימבאָרד אַ ביסל אַוועקגעדרייט אַוועק פֿון די בערגלעך און איז אַרײַנגעשפּרונגען אין טיפֿע וועלדלעך אַרײַן, וווּ די ביימער זײַנען געווען גרעסער, העכער, און געדיכטער פֿון די וואָס די האָביטס האָבן ווען עס איז פֿריִער געזען. אויף אַ ווײַלע האָבן זיי שוואַך דערפֿילט דאָס זעלבע דערשטיקעניש ווי פֿריִער ווען זיי זײַנען צום ערשטן אַרײַן אין פֿאַנגאָרן, אָבער ס'איז גיך פֿאַרגאַנגען. בוימבאָרד האָט ניט גערעדט מיט זיי. ער האָט אונטערגעזשומעט צו זיך אַליין טיף און פֿאַרטראַכט, אָבער מערי און פּיפּין האָבן ניט געקענט פֿאַרשטיין קיין אמתע ווערטער: עס האָט געקלונגען ווי *בוום, בוום, רומבוום, בווראַר, בוום בוום, דאַהראַר בוום בוום, דאַהראַר בוום* און אַזוי ווײַטער, מיט אַ כּסדרדיקער שינוי אין טאָן און ריטעם. פֿון צײַט צו צײַט האָבן זיי געמיינט, אַז זיי דערהערן אַן ענטפֿער, אַ זשום אָדער אַ ציטערנדיקן קלאַנג, וואָס קומט אַרויס, דאַכט זיך, פֿון דער ערד, אָדער פֿון די צווײַגן איבער זייערע קעפּ, אָדער אפֿשר פֿון די ביימערשטאַמען; אָבער בוימבאָרד האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ניט געדרייט דעם קאָפּ ניט אויף דער זײַט, ניט אויף יענער זײַט.

---

זיי זײַנען געווען אין וועג שוין אַ לאַנגע ווײַלע – פּיפּין האָט געפּרוּווט אָפּציילן די 'ענט־שפּאַנען' אָבער ס'איז אים ניט געלונגען, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן בײַ אַ טויזנט דרײַ – ווען בוימבאָרד האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרפּאַמעלעכן זײַן טעמפּ. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעזעצט די האָביטס, און אויפֿגעהויבן זײַנע געקרײַזלטע הענט פֿאַר זײַן מויל, מאַכנדיק פֿון זיי אַ הויל טרײַבל; האָט ער געבלאָזן, גערופֿן דורך די הענט. אַ גרויס *הוום, האָם* האָט געהילכט ווי אַ טיף־באַסאָווער האָרן אין די וועלדער, האָט זיך אויסגעוויזן אָפּצוקלינגען פֿון די ביימער. פֿון דער ווײַטנס אויף אַלע זײַטן איז געקומען אַן ענלעך *הוום, האָם, הוום* וואָס איז ניט געווען קיין ווידערקול נאָר אַן ענטפֿער.

בוימבאָרד האָט איצט אַוועקגעזעצט מערין און פּיפּינען אויף די פּלייצעס און ווידער גענומען שפּרײַזן, פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבנדיק נאָך אַ האָרנרוף, און

אַלע מאָל זײַנען די ענטפֿערס געקומען העכער און נעענטער. אַזוי זײַנען זיי אָנגעקומען סוף־כּל־סוף אין אַן אָרט וואָס זעט אויס ווי אַ ניט־דורכדרינגעוודיקע וואַנט פֿון טונקעלע נאָדלביימער, אַ מין ביימער וואָס די האָביטס האָבן קיין מאָל פֿריִער ניט געזען: זיי האָבן זיך צעצווײַגט פונקט פֿון די וואָרצלען אַרויס, געדיכט באַקליידט אין טונקעלע גלאַנציקע בלעטער ווי שטעכפּאַלמעס אָן שטעכלקעס, טראָגנדיק אַ סך שטײַפֿע שטייענדיקע בלומעננעגל מיט גרויסע בלאַנקע מאַסלינע־קאָלירטע קנאָספּן.

זיך דרייענדיק אויף לינקס און אַרומגייענדיק אָט דעם ריזיקן אײַנצאַם איז בוימבאָרד אָנגעקומען אין אַ פּאָר שפּרײַזן אין אַן ענגן אַרײַנגאַנג. דורך דעם גייט דורך אַן אויסגעריבענע סטעשקע וואָס פֿאַלט פּלוצעם באַרג־אַראָפּ אַ לאַנגן שטאָציקן שיפּוע. די האָביטס האָבן דערזען, אַז זיי גייען אַראָפּ אין אַ גרויסער דאָלענע, כּמעט אַזוי קײַלעכדיק ווי אַ שיסל, זייער ברייט און טיף, געקרוינט בײַם קאַנט מיט דעם הויכן נאָדלביימער־אײַנצאַם. ס'איז געווען גלאַט און גראָז־באַדעקט אינעווייניק, ניטאָ קיין ביימער אַחוץ דרײַ זייער הויכע שיינע זילבער־בערעזעס שטייענדיק בײַם דנאָ שיסל. צוויי אַנדערע סטעשקעס האָבן אַראָפּגעפֿירט אין דער דאָלענע אַרײַן: פֿון מערבֿ און פֿון מיזרח.

עטלעכע ענטן זײַנען געהאַט שוין אָנגעקומען. נאָך זײַנען אַרײַנגעקומען אויף די אַנדערע סטעשקעס און עטלעכע זײַנען איצט נאָכגעגאַנגען נאָך בוימבאָרדן. בעת זיי האָבן זיך דערנענטערט האָבן די האָביטס געגאַפֿט אויף זיי. זיי האָבן זיך געהאַט געריכט אויף זען אַ צאָל ברואים אַזוי ענלעך צו בוימבאָרדן ווי איין האָביט צו אַ צווייטן (אין אַ פֿרעמדנס אויגן על־כּל־פּנים); און זיי האָבן זיך שטאַרק פֿאַרחידושט, וואָס זיי זעען ניט גאָרנישט אַזוי. די ענטן זײַנען אַזוי פֿאַרשיידן איינער פֿונעם צווייטן ווי ביימער פֿון – ביימער: עטלעכע אַזוי פֿאַרשיידן ווי איין בוים פֿון אַ צווייטן פֿונעם זעלבן מין, אָבער גאַנץ פֿאַרשיידן אין וווּקס און געשיכטע; און עטלעכע אַזוי פֿאַרשיידן ווי איין מין בוים פֿון אַ צווייטן מין, ווי אַ בערעזע פֿון אַ בוק, אַ דעמב פֿון אַ יאָדלע. ס'זײַנען געווען אַ פּאָר עלטערע ענטן, באַבערדיקטע און סוקעוואַטע ווי געזונטע אָבער אַנטיקע ביימער (כאָטש קיינער זעט ניט אויס אַזוי קדמוניש ווי בוימבאָרד); און עס זײַנען אויך געווען הויכע שטאַרקע ענטן, מיט ריינע אבֿרים און גלאַטיקער הויט, ווי וואַלדביימער אין זייער פֿולן בלי; אָבער ניטאָ קיין יונגע ענטן, קיין שפּראָצלעך זײַנען ניט געווען. בסך־הכּל זײַנען געווען אפֿשר צוויי טוץ ענטן שטייענדיק אויפֿן ברייטן גראָזיקן דיל פֿון דער דאָלענע, און נאָך אַזוי פֿיל האָבן אַרײַנמאַרשירט.

תּחילת זײַנען מערי און פּיפּין נתפּעל געוואָרן פֿון דער פֿאַרשיידנקייט וואָס זיי זעען: אַלערליי געשטאַלטן און קאָלירן, חילוקים אין ברייט און וווּקס, און לענג פֿון פֿוס און האַנט; און אין דער צאָל פֿון פֿוס־פֿינגער און פֿינגער (אַבי וואָס פֿון דרײַ ביז נײַן). עטלעכע האָבן אויסגעזען מער־ווייניקער ווי בוימבאָרדס קרובֿים, דערמאָנט זיי אין בוקעס אָדער דעמבן. אָבער ס'זײַנען געווען אויך אַנדערע מינים. עטלעכע האָבן זיי דערמאָנט אין די קעסטנביימער: ברוין־הויטיקע ענטן מיט גרויסע אויסגעשפּרייטע הענט, און קורצע גראָבע פֿיס. עטלעכע האָבן זיי דערמאָנט אין די אַשביימער: הויכע גלײַכע גרויע ענטן מיט פֿיל־באַבערדיקטע הענט און לאַנגע פֿיס; עטלעכע אין די יאָדלעס (די העכסטע ענטן), און אַנדערע אין די בערעזעס, די יאַסענס, און אין די ליפּעס. נאָר ווען די ענטן האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אַרום בוימבאָרדן, מיט זייערע קעפּ אַ ביסל פֿאַרנייגט, מורמלענדיק מיט זייערע פּאַמעלעכע מוזיקאַלישע קולער, קוקנדיק לאַנג און טיף אויף די פֿרעמדע, דעמאָלט האָבן די האָביטס דערזען, אַז זיי זײַנען אַלע טאַקע קרובֿיש, און אַלע האָבן די זעלבע אויגן: ניט אַלע אַזוי אַלט אַזוי טיף ווי בוימבאָרדס אויגן, נאָר אַלע מיט דער זעלבער פּאַמעלעכער, פֿעסטער, באַקלעריקער מינע, און אַלע מיטן זעלבן גרינעם צאַנק.

גלײַך ווי די די גאַנצע חבֿרותא האָט זיך צונויפֿגעקליבן, שטייענדיק אין אַ ברייטן רינג אַרום בוימבאָרדן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טשיקאַווער און אומפֿאַרשטענדלעכער שמועס. די ענטן האָבן אָנגעהויבן מורמלען פּאַמעלעך: ערשטנס האָט איינער מיטגעמורמלט און נאָך אים אַ צווייטער ביז זיי בלעקעצן אַלע אין איינעם אין אַ לאַנגן ריטעם אַרויף און אַראָפּ, אָט העכער אויף איין זײַט רינג, אָט אײַנשטילנדיק זיך דאָרט און דערהייבנדיק זיך צו אַ גרויסן דונער אויף דער צווייטער זײַט. כאָטש ער האָט ניט געקענט כאַפּן צי פֿאַרשטיין קיין איינציק וואָרט – האָט ער אָנגענומען, אַז דאָס לשון איז ענטיש – איז פּיפּינען דער קלאַנג תּחילת זייער געפֿעלן זיך צוצוהערן דערצו; אָבער ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן ווייניקער אײַנהעריק. נאָך אַ לאַנגער ווײַלע (אָן שום סימן, אַז דאָס בלעקעצן פֿאַרפּאַמעלעכט זיך) האָט ער געגומען קלערן, ווי באַלד ענטיש איז אַזאַ 'אומכאַפּיק' לשון, צי זיי האָבן ביז איצט דערגרייכט ווײַטער פֿון "<u>גוט מאָרגן</u>!"; און אויב בוימבאָרד האָט געזאָלט מאַכן דעם אויסרוף, וויפֿל טעג מע וואָלט געדאַרפֿט אויף צו זינגען די אַלע נעמען. "איך וואָלט וועלן וויסן ווי מע זאָגט '<u>יאָ</u>' צי '<u>ניין</u>' אויף ענטיש," האָט ער געקלערט. ער האָט געגענעצט.

בוימבאָרד האָט אים תּיכף באַמערקט. "*הם, הא, היי, פּיפּין מײַנער*!" האָט ער געזאָגט, און די אַלע אַנדערע ענטן האָבן אויפֿגעהערט זייער בלעקעצן. "איר זײַט

אַ כאַפּיק פֿאָלק, האָב איך פֿאַרגעסן; און ס'איז סײַ ווי סײַ אַ פֿאַרמאַטערנדיקע זאַך זיך צוצוהערן צו אַ שמועס וואָס איר פֿאַרשטייט ניט. איר מעגט שוין אַראָפּקריכן. איך האָב אויסגעזאָגט אײַערע נעמען דעם ענטראַט, און זיי האָבן אײַך געזען, און זײַנען מסכּים, אַז איר זײַט ניט קיין אָרקס און אַז אַ נײַע שורה זאָל מען צושרײַבן צו די אַלטע רשימות. מיר האַלטן נאָך ניט ווײַטער אָבער דאָס איז שוין אַ גיך שטיקל אַרבעט פֿאַר אַן ענטראַט. איר מיט מערין קענען אַרומשליאָנדערן אין דער דאָלענע, אויב איר ווילט. ס'איז דאָ אַ ברונעם מיט גוטן וואַסער, אויב איר באַדאַרפֿט דערקוויקונג, דאָרט, ווײַט אויפֿן צפֿונדיקן ברעג. ס'זײַנען דאָ נאָך רייד איידער דער ראָט הייבט זיך באמת אָן. איך וועל קומען זען אײַך ווידער, און אײַך דערקלערן ווי עס גייט."

ער האָט די האָביטס אַנידערגעשטעלט. איידער זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי זיך טיף פֿאַרנייגט. אָט דער אויפֿטו, ווײַזט אויס, האָט זייער אַמוזירט די ענטן, לויט דעם טאָן פֿון זייערע מורמלען און דעם צאַנקען אין די אויגן; אָבער באַלד האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אויף זייער אייגענעם תּכלית. מערי און פּיפּין זײַנען אַרויפֿגעקראָכן אויף דער סטעשקע וואָס פֿירט אַרײַן פֿון מערבֿ, געקוקט דורך דער עפֿענונג אינעם גרויסן אײַנצאַם. לאַנגע ביימער־באַדעקטע שיפּועים זײַנען אַרויפֿגעשטיגן פֿון דער ליפּ פֿון דער דאָלענע, און ווײַט הינטער זיי, איבער די יאָדלעס אויפֿן ווײַטסטן קאַם, האָט זיך אויפֿגעהויבן, שאַרף און ווײַס, דער שפּיץ פֿון אַ הויכן באַרג. אויף דרום, לינקס, האָבן זיי געקענט זען דעם וואַלד אַראָפּפֿאַלן, אַוועק אין דער גרויער ווײַטקייט. דאָרט העט ווײַט איז געווען אַ בלייכער גרינער גלאַנץ, וואָס מערי האָט געהאַלטן פֿאַר אַ בליק פֿון די פֿלאַכן פֿון ראָהאַן.

---

"איך וואָלט וועלן וויסן: ווו איז איסענגאַרד?" האָט פּיפּין געזאָגט.

"איך בין פֿאָרט ניט זיכער ווו מיר זײַנען," האָט מערי געזאָגט, "אָבער אָט דער שפּיץ קער זײַן מעטעדראַס, און אויף וויפֿל איך געדענק ליגט דער רינג פֿון איסענגאַרד אין אַ שיידוועג אָדער אַ טיפֿן שפּאַלט בײַם עק בערג. ס'איז מסתּמא אונטן הינטער אָט דעם גרויסן באַרגרוקן. ס'זעט אויס, אַז ס'איז דאָ אַ רויך צי נעפּל דאָרטן, אויף לינקס פֿונעם שפּיץ, אַיאָ?"

"ווי איז עס, איסענגאַרד?" האָט פּיפּין געפֿרעגט. "איך וואָלט וועלן וויסן וואָס די ענטן קענען טאָן דערוועגן אויף יעדן פֿאַל."

"איך אויך," האָט מערי געזאָגט. "איסענגאַרד איז עפּעס אַ רינג פֿון שטיינער אָדער בערגלעך, מיין איך, מיט אַ גלײַכן פּלאַץ אינעווייניק און אַן אינדזל אָדער זײַל אין מיטן, וואָס מע רופֿט אים אָרטאַנק. סאַרומאַן האָט אַ טורעם דאָרטן. ס'איז דאָ אַ טויער, אפֿשר מער ווי איינער, אינעם אַרומרינגלענדיקן מויער, און איך מיין, אַז אַ שטראָם גיסט דורך אים; ער קומט אַרויס פֿון די בערג און שטראָמט ווײַטער דורך דעם **שטונט פֿון ראָהאַן**. ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז ניט דער מין אָרט ווו די ענטן זאָלן זיך אַרײַנמישן. אָבער איך האָב אַ מאָדנע געפֿיל וועגן די אָ ענטן: ווי ניט איז מיין איך, אַז זיי זײַנען ניט אַזוי אומשעדלעך און, כ'ווייס וואָס, קאָמיש ווי זיי זעען אויס. זיי זעען אויס פֿאַמעלעך, משונהדיק, געדולדיק, כּמעט טרויעריק; פֿונדעסטוועגן מיין איך, אַז זיי קענען אויפֿגערודערט ווערן. אויב אַזוי, וואָלט איך גיכער ניט געוועזן אויף דעם אַנדערן צד."

"יאָ!" האָט פּיפּין געזאָגט. "איך ווייס וואָס דו מיינסט. אַזאַ גרויסער חילוק צווישן אַן אַלטער קו זיצנדיק און מעלה־גירהנדיק אַ פֿאַרטראַכטע, און אַ שטורעמדיקן בוהײַ; און די שינוי קומט פֿאָר אפֿשר ראַפּטעם. איך וואָלט וועלן וויסן אויב בוימבאָרד וועט זיי אויפֿרודערן. איך בין זיכער, אַז ער וועט פּרוּוון. אָבער דאָס געפֿעלט זיי ניט. בוימבאָרד האָט זיך אַליין אויפֿגערודערט נעכטן, און דערנאָך האָט זיך ווידער אײַנגעשטילט."

די האָביטס האָבן זיך צוריקגעקערט. די קולער פֿון די ענטן האָבן זיך ווײַטער געפֿירט, אַרויף און אַראָפּ, אין זייער פֿאַרזאַמלונג. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען, גענוג הויך איבערצוקוקן איבערן הויכן אײַנצאַם: זי האָט געפֿינקלט אויף די שפּיצן פֿון די בערעזעס און באַלײַכט די צפֿונדיקע זײַט דאָלענע מיט אַ קילן געלן ליכט. דאָרט האָבן זיי דערזען אַ קליינעם בלאַנקענדיקן פֿאָנטאַן. זיי זײַנען געגאַנגען פֿאַזע דעם קאַנט פֿונעם גרויסן שאָל צופֿוסנס פֿון די נאָדלביימער – אַ פֿאַרגעניגן דאָס געפֿיל פֿון קילן גראָז צווישן די פֿינגער נאָך אַ מאָל, און דאָס ניט אײַלן זיך – און דערנאָך אַראָפּגעקראָכן בײַם פֿליוכענדיקן וואַסער. זיי האָבן אַ ביסל געטרונקען, אַ ריינעם, קאַלטן, שאַרפֿן טרונק, און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ מאָכיקן שטיין, באַטראַכט די שטיקלעך זון אויפֿן גראָז און די שאָטנס פֿון די זעגלענדיקע וואָלקנס וואָס פֿליִען איבער איבער דער פּאָדלאָגע פֿון דער דאָלענע. דער מורמל פֿון די ענטן האָט זיך ווײַטער געצויגן. עס האָט אויסגעזען ווי זייער אַ פֿרעמדער און אָפּגעלעגענער אָרט, ניט קיין טייל פֿון זייער וועלט, און העט ווײַט פֿון אַלץ וואָס זיי האָבן וועגס דערלעבט. אַ גרויסע בענקשאַפֿט האָט זיי אַרומגענומען נאָך די פּנימער און קולער פֿון די באַלייטערס, בפֿרט נאָך **פֿראָדאָן**[22] און סאַמען, און נאָך **סטרײַדערן**[23].

סוף־כּל־סוף איז געקומען אַ פּויזע אין די ענטן־קולער; און אַרויפֿקוקנדיק האָבן זיי דערזען בוימבאָרדן צוקומען צו זיי, מיט אַ צווייטן ענט בײַ דער זײַט.

"הם, הווּם, דאָ בין איך נאָך אַ מאָל," האָט בוימבאָרד געזאָגט. "ווערט איר מיד צי אומגעדולדיק, המם, הע? נו, זײַט מיר מוחל אָבער איר זאָלט נאָך ניט ווערן אומגעדולדיק. מיר האָבן שוין פֿאַרענדיקט די ערשטע סטאַדיע; אָבער איך דאַרף נאָך אַלץ געבן צו פֿאַרשטיין די ענינים נאָך אַ מאָל די וואָס ווײַנען העט־העט, ווײַט פֿון איסענגאַרד, און די וואָס איך האָב זיך מיט זיי ניט געקענט טרעפֿן פֿאַרן ראָט, און דערנאָך מוזן מיר באַשליסן בײַ זיך וואָס צו טאָן. אָבער דאָס באַשליסן וואָס צו טאָן טוען ענטן גיכער ווי דאָס אַרומרעדן די אַלע פֿאַקטן און געשעענישן וואָס גייען אַרײַן אין דער החלטה. דאָך קען מען ניט אָפּלייקענען, אַז מיר וועלן דאָ זײַן נאָך אַ לאַנגע צײַט: עטלעכע טעג, מסתּמא. איז איך האָב אײַך געבראַכט אַ באַלייטער. ער האָט אַן ענטהויז אין דער נאָענט. **ברעגאַלאַד** הייסט ער אויף עלפֿיש. ער זאָגט, אַז ער האָט זיך שוין דעצידירט און דאַרף ניט בלײַבן אינעם ראָט. הם, הם, ער איז דער נעענצטער צווישן אונדז צו אַ כאַפּיקן ענט. איר זאָלט אויסקומען מיט אים. אַ גוטן!" בוימבאָרד האָט זיך אָפּגעקערט און איז אַוועק.

ברעגאַלאַד איז געשטאַנען אַ ווײַלע און פֿײַערלעך באַטראַכט די האָביטס; און זיי האָבן אים באַטראַכט, געוואָלט וויסן ווען ער וועט באַווײַזן סימנים פֿון 'כאַפּיקייט'. ער איז אַ הויכער, און זעט אויס ווי איינער פֿון די ייִנגערע ענטן; ער האָט גלאַטיקע, גלאַנציקע הויט אויף די אָרעמס און פֿיס; די ליפּן זײַנען ראָזעווע, און די האָר גראָ־גרין. ער האָט זיך געקענט בייגן און וויגן ווי אַ שלאַנקער בוים אין אַ ווינט. סוף־כּל־סוף האָט ער גערעדט, איז זײַן קול, כאָטש הילכיק, העכער און קלאָרער ווי בוימבאָרדס.

"האַ, המם, חבֿרה, לאָמיר גיין שפּאַצירן!" האָט ער געזאָגט. "איך הייס ברעגאַלאַד, דאָס הייסט גיכשטראַל אויף אײַער לשון. אָבער ס'איז נאָר אַ צונאָמען, אַוודאי. זיי רופֿן מיך אַזוי זינט איך האָב געזאָגט "יאָ" צו אַן עלטערן ענט איידער ער האָט געענדיקט זײַן פֿראַגע. אויך טרינק איך גיך, און גיי אַרויס בעת אַנדערע נעצן נאָך זייערע בערד. קומט מיט מיר!"

ער האָט דערלאַנגט צוויי שטאַלטנע אָרעמס און געגעבן אַ לאַנג־באַבערדיקטע האַנט יעדן האָביט. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי געוואָגלט מיט אים אינעם וואַלד, זינגענדיק און לאַכנדיק; וואָרן גיכשטראַל לאַכט אָפֿט. ער לאַכט ווען די זון קומט פֿון הינטן אַרומעט פֿון אַ וואָלקן, ער לאַכט ווען זיי געגענען אָן אַ באָכל צי אַ קוואַל: דעמאָלט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און געפּליושקעט די פֿיס און קאָפּ מיט

וואַסער; אַ מאָל לאַכט ער אויף אַ קלאַנג אָדער אַ שעפּטשע אין די ביימער. ווען נאָר ער דערזעט אַ יאַסען שטעלט ער זיך אָפּ אַ ווײַלע מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און זינגט, און וויגט זיך בעת ער זינגט.

פֿאַר נאַכט האָט ער זיי געבראַכט אין זײַן ענטהויז: ניט מער ווי אַ מאָכיקער שטיין אַוועקגעלייגט אויף טאָרף אונטער אַ גרינעם ברעג. יאָסענס זײַנען אַרומגעוואַקסן אין אַ רינג אַרום הויז, און וואַסער (ווי אין אַלע ענטהײַזער), אַ קוואַל אַרויסבלעזלענדיק פֿונעם ברעג. זיי האָבן גערעדט אַ ווײַלע בשעת ס'ווערט פֿינצטער אינעם וואַלד. ניט ווײַט פֿון דאָרטן האָט מען געקענט הערן די קולער פֿונעם ענטראָט רעדן ווײַטער; אָבער איצט האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי זײַנען טיפֿער און וויניקער געלאַסן, און פֿון צײַט צו צײַט הייבט זיך אויף איין גרויס קול אין אַ הויכער און פֿאַרגיכערנדיקער מוזיק, בעת די אַלע אַנדערע שטילן זיך אײַן. אָבער לעבן זיי האָט ברעגאַלאַד גערעדט צאַרט אויף זייער אייגענעם לשון, שיִער ניט שעפּטשענדיק; זײַנען זיי געוווּיר געוואָרן, אַז ער געהערט צו הויטקאָרעס פֿאָלק, און דאָס לאַנד, וווּ זיי האָבן געהאַט געוווינט, איז חרובֿ געוואָרן. אָט דאָס האָט די האָביטס גרינג געגעבן צו פֿאַרשטיין זײַן 'כאַפּיקייט', וויניקסטנס וואָס שייך די אָרקס.

"ס'זײַנען געווען יאַסענס אין מײַן לאַנד," האָט ברעגאַלאַד געזאָגט, שטיל און טרויעריק, "יאַסענס וואָס האָבן געשלאָגן וואָרצלען ווען איך בין נאָר געווען אַן ענטעלע, לאַנג לאַנג צוריק אין דער וועלט־שטילקייט. די עלטסטע זײַנען פֿאַרזייט געוואָרן פֿון ענטן זיי זאָלן הנאה טאָן די ענטפֿרויען; אָבער יענע האָבן אויף זיי געקוקט און געשמייכלט און געזאָגט, אַז זיי ווייסן וווּ ווײַסערער צוויט און זעטיקערע פֿרוכט וואַקסן. אָבער עס זײַנען ניטאָ קיין ביימער פֿון דער דאָזיקער גזע, דאָס פֿאָלק פֿון דער רויז, וואָס זײַנען מיר אַזוי שיין. און די אָ ביימער זײַנען געוואַקסן און געוואַקסן, ביז יעדנס שאָטן ווערט ווי אַ גרינער זאַל, און זייערע רויטע יאַגדעס אין האַרבסט זײַנען געווען אַ לאַסט, און אַ שיינקייט און אַ חידוש. פֿייגל פֿלעגן זיך דאָרטן צונויפֿפֿליִען. איך האָב ליב פֿייגל, אַפֿילו ווען זיי פּלאַפּלען; און דער יאַסען האָט געווג און מער. אָבער די פֿייגל זײַנען געוואָרן אומפֿרײַנדלעך און כאַפּעריש און האָבן צעריסן די ביימער, און אַוועקגעוואָרפֿן די פֿרוכט און זי ניט געגעסן. דעמאָלט זײַנען געקומען די אָרקס מיט העק און אַראָפּגעהאַקט די ביימער מײַנע. איך בין געקומען און זיי גערופֿן בײַ זייערע לאַנגע נעמען, אָבער זיי האָבן ניט געצאַפּלט, ניט געהערט, ניט געענטפֿערט; זיי זײַנען געלעגן טויטע.

*אָ אָראָפֿאַרנע, לאַסעמיסטאַ, קאַרנימיריע!*

*אָ יאַסען שיינער, אויפֿן קאָפּ זע נאָר: ס'ליגט שניי־ווײַס דער צוויט!*
*אָ יאַסען מײַנער, אַ טאָג אַ פֿײַנער, האָסטו דאָך געבליט,*
*דײַן קאָרע העל, די בלעטער געל, דײַן קול איז קיל און ווייך;*
*ס'ליגט אויפֿן קאָפּ גאָלד־רויט אַ צאָפּ, געטראָגן אין דער הייך!*
*אָ יאַסען טויט, מער ניט גאָלד־רויט, די האָר ווערן טרוקן און גרוי;*
*דײַן צאָפּ פֿאַרשטערט, דײַן קול פֿאַרשטילט, אויף אייביק אָט אַזוי.*
*אָ אָראָפֿאַרנע, לאַסעמיסטאַ, קאַרנימיריע!*

די האָביטס זײַנען אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיטן קלאַנג פֿון ברעגאַלאַדס שטילן זינגען, וואָס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי אַ יללה אין אַ סך שפּראַכן פֿאַרן אומקום פֿון דיביימער וואָס ער האָט ליב געהאַט.

מאָרגן האָבן זיי אויך פֿאַרבראַכט מיט אים, אָבער געבליבן נאָענט צו זײַן 'הויז'. מערסטנס זײַנען זיי געזעסן שטילערהייט אונטערן אָפּדאַך פֿונעם ברעג; וואָרן דער ווינט איז געוואָרן קעלטער, און די וואָלקנס נעענטער און גרויער; ס'איז געווען זייער ווייניק זון, און פֿון דער ווײַטנס האָבן די קולער פֿון די ענטן נאָך אַלץ זיך אויפֿגעהויבן און אַראָפּגעפֿאַלן, אַ מאָל הויך און שטאַרק, אַ מאָל שטיל און טרויעריק, אַ מאָל פֿאַרגיכערנדיק זיך, אַ מאָל פּאַמעלעך און פֿײַערלעך ווי אַ קלאָגליד. אַ צווייטע נאַכט איז געקומען און די ענטן בלײַבן נאָך אין זייער פּריוואַטן צונויפֿקום אונטער אײַלנדיקע וואָלקנס און אומרויִקע שטערן.

דער דריטער פֿאַרטאָג איז געקומען, טריב און ווינטיק. בײַם זונאויפֿגאַנג האָבן די קולער פֿון די ענטן זיך אויפֿגעהויבן אין אַ גרויסן ליאַרעם און דערנאָך זיך ווידער אײַנגעשטילט. במשך פֿונעם פֿרימאָרגן איז דער ווינט שטיל געוואָרן און די לופֿט שווער מיט דערוואַרטונג. די האָביטס האָבן געקענט זען ווי ברעגאַלאַד הערט זיך צו אַרײַנגעטאָן, כאָטש טיף אין דער שמאָלער דאָלענע פֿון זײַן ענטהויז איז זיי זייער שוואַך דער קלאַנג פֿונעם ראָט.

דער נאָכמיטאָג איז געקומען, און די זון, צוגייענדיק אויף מערבֿ צו די בערג, האָט צעשיקט לאַנגע געלע שטראַלן צווישן די שפּאַרעס און שפּאַלטן פֿון די וואָלקנס. פּלוצעם האָבן זיי דערהערט, אַז אַלץ איז געוואָרן זייער שטיל; דער גאַנצער וואַלד איז געשטאַנען אין אײַנהעריקער שטילקייט. אַוודאי, האָבן די ענטן־קולער זיך אָפּגעשטעלט. וואָס זאָל דאָס מיינען? ברעגאַלאַד האָט זיך אויפֿגעשטעלט גלײַך און געשפּאַנט, צוריקקוקנדיק אויף צפֿון צו דערנדינגל.

מיט אַ טראַסק איז דעמאָלט געקומען אַ גרויס קלינגענדיק געשריי: ראַ־*הווּם*־ראַ*ה*! די ביימער האָבן געציטערט און זיך געבויגן ווי אַ פּלאָש וואָלט זיי געשלאָגן. ס'איז געווען נאָך אַ פּויזע, און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן מיליטערישע מוזיק ווי פֿײַערלעכע פּויקן, און איבער די קײַקלענדיקע טאַקטן און דונערן זײַנען געוואַקסן קולער וואָס זינגען הויך און שטאַרק.

*מיר קומען, מיר קומען מיט פּויקנקלאַנג: טאַ־רונדאַ רונדאַ רונדאַ ראָם!*

די ענטן זײַנען געקומען: אַלץ נעענטער און העכער האָט זיך אויפֿגעהויבן זייער געזאַנג:

*מיר קומען, מיר קומען מיט פּויק און האָרן: טאַ־רונאַ רונאַ רונאַ ראָם!*

ברעגאַלאַד האָט אויפֿגעהויבן די האָביטס און אַרויסגעשפּאַנט פֿון הויז.

---

אין גיכן האָבן זיי דערזען די מאַרשירנדיקע ריי דערנענטערן זיך: די ענטן האָבן זיך געוויגט מיט גרויסע שפּרײַזן שיפּוע־אַראָפּ צו זיי צו. בוימבאָרד איז געגאַנגען בראָש, מיט אַ פֿופֿציק נאָכגייערס הינטער אים, צוויי אין אַ שורה, האַלטנדיק דעם טאַקט מיט די פֿיס און מיט די הענט אויף די פֿלאַנקען. בעת זיי האָבן זיך דערנענטערט האָט מען געקענט זען דעם בליץ און צאַנק פֿון זייערע אויגן.

"הווּם, האָם! אָט אָ קומען מיר מיט אַ דונער, דאָ קומען מיר סוף־כּל־סוף!" האָט בוימבאָרד אַרויסגערופֿן, אַז ער האָט דערזען ברעגאַלאַד מיט די האָביטס. "קומט, טרעט אַרײַן אין ראָט! מיר גייען. מיר גייען קיין איסענגאַרד!"

"קיין איסענגאַרד!" האָבן די ענטן געשריגן אויף אַ סך קולער.

"קיין איסענגאַרד!"

*קיין איסענגאַרד! כאָטש איסענגאַרד זאָל זײַן אַרומגערינגלט און*
*פֿאַרשפּאַרט מיט טירן פֿון שטיינער;*
*כאָטש איסענגאַרד זאָל זײַן שטאַרק און האַרט, קאַלט ווי שטיין*
*און נאַקעט ווי ביינער,*
*מיר גייען, גייען מיר, גייען מיר אויף מלחמה, האַקן דעם שטיין און*
*ברעכן די טיר;*

*וואָרן שטאָם און צווײַג ברענען איצט, די הרובע רעוועט –*
*אויף מלחמה גייען מיר!*
*אין לאַנד פֿון מראַקע מיט גורלדיקע טריט און פויקנקלאַנג:*
*מיר קומען, קומען מיר;*
*קיין איסענגאַרד מיט גורל קומען מיר!*
*מיט גורל קומען מיר, מיט גורל קומען מיר!*

אַזוי האָבן זיי געזונגען בעת זיי האָבן מאַרשירט אויף דרום.

---

מיט גלאַנצנדיקע אויגן איז ברעגאַלאַד אַרײַן אין דער ריי לעבן בוימבאָרדן. דער אַלטער ענט האָט איצט צוריקגענומען די האָביטס און זיי ווידער אַוועקגעזעצט אויף די פּלייצעס, און אַזוי זײַנען זיי געפֿאָרן שטאָלץ בראָש פֿון דער זינגענדיקער ראָטע מיט קלאַפּנדיקע הערצער און אויפֿגעהויבענע קעפּ. כאָטש זיי האָבן זיך שוין געהאַט געריכט, אַז מיט דער צײַט וועט עפּעס געשען, זײַנען זיי פֿאַרגאַפֿט געוואָרן דערויף ווי די ענטן האָבן זיך געביטן. ס'האָט זיך איצט אויסגעדאַכט צו זײַן עפּעס אַזוי פּלוצעמדיק ווי אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון וואַסער לאַנג צוריקגעהאַלטן פֿון אַ דאַמבע.

"די ענטן האָבן באַשלאָסן בײַ זיך גאַנץ גיך נאָך אַלעמען, אַיאָ?" האָט פּיפּין אַ זאָג געטאָן נאָך אַ ווײַלע, ווען דאָס געזאַנג האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, און בלויז דער טאַקט פֿון הענט און פֿיס האָט מען געקענט הערן.

"גיך?" האָט בוימבאָרד געזאָגט. "הוום! יאָ, באמת. גיכער ווי איך האָב זיך געריכט. כלעבן, האָב איך זיי ניט געזען אַזוי אויפֿגערודערט שוין יאָרן לאַנג. מיר ענטן האָבן ניט ליב ווערן אויפֿגערודערט; און מיר ווערן קיין מאָל ניט אויפֿגערודערט סײַדן ס'איז אונדז קלאָר, אַז מע שטעלט אונדזערעביימער און לעבנס אין גרויסער סכּנה. אָט דאָס איז ניט געשען דאָ אין וואַלד שוין זינט די מלחמות פֿון סאָוראָן און די ים־מענטשן. ס'איז די אָרקס אַרבעט, דאָס הפֿקרדיקע האַקן – *ראַרום* – אַפֿילו אָן דעם שלעכטן תּירוץ פֿון קאָרמען די פֿײַערן, וואָס האָט אונדז דערבייזערט; און די בגידה פֿון אַ שכן, וואָס האָט געדאַרפֿט אונדז העלפֿן. מכשפֿים האָבן געדאַרפֿט בעסער וויסן: טאַקע <u>ווייסן</u> זיי דאָך בעסער. ס'איז ניטאָ קיין קללה אויף עלפֿיש, ענטיש, צי די לשונות פֿון מענטשן גענוג שלעכט פֿאַר אַזאַ בגידה. אַראָפּ מיט סאַרומאַנען!"

"איר וועט אויף אַן אמת צעברעכן די טירן פֿון איסענגאַרד?" האָט מערי געפֿרעגט.

"האָ, הם, נו, מיר קענען דאָס טאָן, פֿאַרשטייט איר! איר ווייסט ניט, אפֿשר, ווי שטאַרק מיר זײַנען. אפֿשר האָט איר געהערט פֿון די טראָלן? זיי זײַנען גוואַלדיק שטאַרק. אָבער טראָלן זײַנען נאָר נאָכגעמאַכטע באַשעפֿענישן, באַשאַפֿן געוואָרן פֿון דעם **פֿײַנד** אין דעם גרויסן פֿינצטערניש, אַ חוזק פֿון ענטן, ווי אָרקס זײַנען אַ חוזק פֿון עלפֿן. מיר זײַנען שטאַרקער ווי די טראָלן. מיר זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן פֿון די ביימער פֿון דער ערד. מיר קענען שפּאַלטן שטיינער ווי די וואָרצלען פֿון ביימער, נאָר גיכער, שטאַרק גיכער, אויב נאָר אונדזערע מוחות זײַנען אויפֿגעוועקט געוואָרן! אויב מע האַקט אונדז ניט אַראָפּ צי צעשטערט אונדז ניט מיט פֿײַער, אויפֿרײַס, אָדער כּישוף, קענען מיר צעשפּאַלטן איסענגאַרד אין סקאַבקעס און צעברעכן זײַנע מויערן אין רים."

"אָבער סאַרומאַן וועט פּרוּוון אײַך אָפּהאַלטן, ניין?"

"הם, אַ, יאָ, אַדרבא. איך האָב דאָס ניט פֿאַרגעסן. כּלעבן, האָב איך לאַנג געטראַכט דערוועגן. אָבער, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ סך ענטן זײַנען ייִנגער פֿון מיר, מיט אַ סך ביימער־דורות. זיי זײַנען אַלע אויפֿגערירט איצט, מיטן מוח קאָנצענטרירט אויף איין זאַך: צעשטערן איסענגאַרד. אָבער באַלד וועלן זיי אָנהייבן ווידער טראַכטן; וועלן זיי זיך אַ ביסל באַרויִקן ווען מיר נעמען אונדזער אָוונטטרונק. אַזאַ דאָרשט וועלן מיר האָבן! אָבער איצט זאָלן זיי מאַרשירן און זינגען! מיר האָבן פֿאָרט אַ לאַנגן וועג מיט אַ סך צײַט פֿאַר טראַכטן. ס'איז שוין עפּעס גוטס וואָס מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט."

בוימבאָרד האָט ווײַטער מאַרשירט, געזונגען מיט די אַנדערע אַ ווײַלע. אָבער דערנאָך האָט זיך זײַן קול אײַנגעשטילט אויף אַ מורמל און דערנאָך ווידער געשוויגן. פּיפּין האָט געקענט זען, אַז זײַן אַלטער שטערן איז פֿאַרקרימט און צעקנייטשט. סוף־כּל־סוף האָט ער זיך אַרויפֿגעקוקט און פּיפּין האָט געקענט זען אַ טרויעריקן בליק אין זײַנע אויגן, טרויעריק נאָר ניט אומגליקלעך. ס'איז געווען אַ ליכט אין זיי, אַזוי ווי דער גרינער פֿלאַם וואָלט אײַנגעזונקען טיפֿער אין די טונקעלע ברונעמס פֿון זײַן געדאַנק אַרײַן.

"פֿאַרשטייט זיך, ס'איז דאָך אַ סבֿרא, חבֿרים," האָט ער געזאָגט פּאַוואָליע, "אַ סבֿרא, אַז מיר גייען אויף אונדזער <u>אייגענעם</u> גורל: דער לעצטער מאַרש פֿון די ענטן. נאָר אויב מיר וואָלטן געבליבן אין דער היים און גאָרנישט ניט געטאָן, וואָלט

דער גורל אונדז געפֿונען סײַ ווי סײַ, פֿריִער צי שפּעטער. דער דאָזיקער געדאַנק איז שוין לאַנג געוואַקסן בײַ אונדז אין האַרצן; און דעריבער מאַרשירן מיר איצט. ס'איז ניט געווען קיין כאַפּיקע החלטה. איצט, ווייניקסטנס, מעג דער לעצטער מאַרש פֿון די ענטן זײַן ווערט אַ ליד. יאָ," האָט ער געזיפֿצט, "אפֿשר קענען מיר העלפֿן די אַנדערע פֿעלקער איידער מיר ווערן פֿאַרגיין. נאָר איך וואָלט געוואָלט דערלעבן ביז די לידער וועגן די ענטפֿרויען זאָלן מקוים ווערן. ס'וואָלט מיר זייער געפֿעלן צו זען פֿימברעטיל נאָך אַ מאָל. אָבער אין דעם, חבֿרים, טראָגן לידער אַזוי ווי ביימער זייער אויפֿס נאָר אין זייער אייגענער צײַט און אויף זייער אייגענעם שטייגער: און אַ מאָל פֿאַרוועלקן זיי צופֿרײַק."

---

די ענטן האָבן פֿאָרויסגעשפּאַנט מיט אַ שטאַרקן טעמפּ. זיי זײַנען געהאַט אַראָפּגעגאַנגען אין אַ לאַנגן קנייטש אין דער ערד וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דרום; איצט האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויפֿצוקריכן באַרג־אַרויף אויף דעם הויכן מערבֿדיקן קאַם. די וועלדער זײַנען אָפּגעשטאַנען און זיי זײַנען געקומען אין צעשאָטענע רעדלעך בערעזעס, און דערנאָך אויף נאַקעטע שיפּועים ווו נאָר אַ פּאָר אָפּגעדאַרטע סאָסנעס וואַקסן. די זון איז פֿאַרגאַנגען הינטער דעם טונקעלן בערגל אין פֿאָרנט. ס'איז אָנגעקומען דער גרויער פֿאַרנאַכט.

פּיפּין האָט זיך אומגעקוקט הינטן. די ענטן האָבן זיך געהאַט פֿאַרמערט – אָדער וואָס געשעט? דאָרטן ווו עס זאָלן ליגן די פֿינצטערלעכע נאַקעטע שיפּועים וואָס זיי זײַנען געהאַט זיי אַריבערגעגאַנגען, האָט עס אים געדאַכט, אַז ער זעט שוין וועלדלעך ביימער. אָבער זיי רירן זיך! צי איז מיגלעך, אַז די ביימער פֿון פֿאַנגאָרן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, און דער וואַלד איז אויפֿגעשטאַנען, מאַרשירט איצט אַריבער איבער די בערגלעך אויף מלחמה? ער האָט געריבן די אויגן, אפֿשר האָבן שלאָף און שאָטנס אים אָפּגענאַרט; אָבער די גרויסע גרויע געשטאַלטן זײַנען געגאַנגען כּסדרדיק פֿאָרויס. ס'איז געווען אַ רעש ווי אַ ווינט אין געדיכטע צווײַגן. די ענטן זײַנען שוין געקומען נאָענט צום אויבן פֿון קאַם, און האָבן אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו זינגען. די נאַכט איז אָנגעקומען, און ס'איז געווען נאָר שטילקייט: גאָרנישט ניט צום הערן אַחוץ אַ שוואַכן ציטער פֿון דער ערד אונטער די פֿיס פֿון די ענטן, און אַ שאָרך, אַ שאָטן פֿון אַ שעפּטשע ווי פֿון דרייפֿנדיקע בלעטער. סוף־כּל־סוף זײַנען זיי געשטאַנען אויפֿן שפּיץ, און זיך אַראָפּגעקוקט אין אַ פֿינצטערן גרוב: דעם גרויסן שפּאַלט בײַם עק בערג: **נאַן קורוניר**, דעם טאָל פֿון סאַרומאַנען.

"נאַכט ליגט איבער איסענגאַרד," האָט בוימבאָרד געזאָגט.

***

בוך דרײַ, קאַפּיטל פֿיר "Treebeard" אינעם צווייטן באַנד *די צווי טורעמס* פֿון דזש. ר. ר. טאָלקינס *דער האַר פֿון די פֿינגערלעך*. איבערגעזעצט פֿון בעריש גאָלדשטיין. דרוקרעכט © 2002־2004 פֿון בעריש גאָלדשטיין, מיטן דערלויבעניש פֿון The Tolkien Estate.

דאָס אָריגינעלע דרוקרעכט געהערט צו The Tolkien Estate.

***

עס שטעלט זיך דאָ אַ פֿראַגע וועגן אָריגינעלער סטיל און איבערזעצערײַ, בפֿרט מיט אַזאַ סטיל ווי טאָלקינס, וואָס איז טאַקע אַן אינטערעסאַנטער און אַן איינציקער, אַ סטיל וואָס איך האָב געוואָלט אויפֿהיטן אין דער איבערזעצונג, אויף וויפֿל ס'איז מיגלעך. איך האָב ניט געוואָלט 'פֿאַרייִדישן' דעם טעקסט און האָב געלאָזט בײַ זיך דעם זאַצסטיל וואָס ער ניצט אומעטום: "... און ... און ... און ...".

דאָס ערשטע מאָל וואָס באַווײַזט זיך אַ פּרט־נאָמען אינעם טעקסט איז עס אַזוי: "**האָביטס**" אָדער "אין דעם **גרויסן פּלאַץ**", מע זאָל קענען וויסן, אַז דאָס איז טאַקע אַ פּרט־נאָמען און ניט בלויז אַ פֿראַזע.

***

איך מוז גאָר ניט פֿאַרגעסן אָנערקענען און האַרציק דאַנקען מײַן גוטע־לערערין לאה ראָבינסאָנען, קודם־כּל ווײַל זי האָט מיך געהייסן בכלל איך זאָל, דאַרף, **מוז** עפּעס אָנשרײַבן אַלע טאָג און בפֿרט פֿאַר איר הילף מיט דער דאָזיקער איבערזעצונג.

======================
Copyright © 2004-2012 Barry Goldstein
2/17/2012 11:49:00 AM
boymbord.doc

[1] האָביט: "וואָס איז אַ האָביט? ... זיי זײַנען אַ קליין פֿאָלק, מער־ווייניקער אַ העלפֿט פֿונעם ווּקס פֿון אַ מענטש, און קלענער ווי די באַבערדיקטע שרעטלעך. האָביטס האָבן ניט קיין בערד. ס'איז נאָר ווייניק אָדער גאָר ניט קיין כּישוף אין זיי, אַחוץ דעם טאָגטעגלעכן געוויינטלעכן סאָרט, וואָס העלפֿט זיי צו פֿאַרשווינדן שטיל און גיך ווען גרויסע גראָבע לײַט ווי מיר קומען אָן לעפּיש, טומלדיק ווי העלפֿאַנדן, וואָס זיי קענען דערהערן ווײַט אַ מײַל. זיי זײַנען נוטה צו האָבן קײַלעכדיקע בײַכער; זיי טוען זיך אָן אין העלע פֿאַרבן (דער עיקר גרין און געל); זיי טראָגן ניט קיין שיך, ווײַל זייערע פֿיס אַליין האָבן לעדערנע פּיאַטעס און געדיכטע וואַרעמע ברוינע האָר, ווי די האָר אויפֿן קעפּ (וואָס זײַנען געקרײַזלטע); זיי האָבן לאַנגע קלוגע ברוינע פֿינגער, פֿרײַנדלעכע פּנימער, און לאַכן טיפֿע זאַפֿטיקע געלעכטערס (בפֿרט נאָך די וואַרמעסן, וואָס זיי עסן צוויי מאָל אַ טאָג, אויב מיגלעך)."

־־ קאַפּיטל איינס, "אַן אומגעריכטע שׂימחה" אין *דער האָביט* פֿון דזש. ר. ר. טאָלקין

[2] פֿאַנגאָרן: דער נאָמען פֿונעם וואַלד; זעט אויך אונטן אין דער מעשׂה.

[3] אָרק: אַ מין בייז באַשעפֿעניש, רציחהדיק; זיי זײַנען געווען זעלנערס אין דער אַרמיי פֿונעם שלעכטן צד.

[4] מערי און פּיפּין: בקיצור איז דאָס אַ מעשׂה פֿון גוטס קעגן בייזס. פֿראָדאָ באַגינס (בילבאָ באַגינס[6] אַ קוזין, זײַן באַליבצטער קוזין) מוז צעשטערן דאָס פֿינגערל, פֿול מיט בייזער קראַפֿט, איידער סאָוראָן ־־ דער בייזסטער מכשף ־־ זאָל עס קריגן און דערמיט ווערן נאָך בייזער. פּיפּין (פּערעגרין טוק) און מערי (מעריאַדאָק בראַנדיבאָק) זײַנען צוויי פֿון פֿראָדאָס פֿרײַנד, וואָס גייען מיט אים אויף זײַן סכּנהדיקן שליחות. בײַם סוף פֿון ערשטן באַנד זײַנען מערי און פּיפּין צעשיידט געוואָרן פֿון די אַנדערע.

[5] טוקס: פּיפּינס משפּחה.

[6] בילבאָ: אינעם בוך *דער האָביט* האָט בילבאָ באַגינס, אַ האָביט, געפֿונען דאָס פֿינגערל, און האָט עס צוריקגעבראַכט אַהיים.

[7] כמאַרנעוואַלד (Mirkwood): אַ צווייטער וואַלד אין מיטל־ערד (ווּ די מעשׂה קומט פֿאָר).

[8] לעמבאַס: עסן פֿון די עלפֿן, עפּעס ווי מן, זייער נערעוודיק.

[9] זיי זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן און צעשלאָגן פֿון די אָרקס, נאָך אַ גרויסער שלאַכט.

[10] גאַנדאַלף: אַ גוטער (דער גרעסטער גוטער) מכשף; ער האָט געלאָזט אין גאַנג פֿראָדאָס נסיעה צו צעשטערן דאָס פֿינגערל.

[11] סאַרומאַן: אַ צווייטער מכשף, אַ מאָל אַ גוטער, אָבער שוין אַ בייזער געוואָרן.

[12] איסענגאַרד: סאַרומאַנס פֿעסטונג.

[13] קעלעבאָרן: אַן עלף שׂררה, וואָס זיי האָבן זיך מיט אים באַגעגנט פֿריִער אין דער מעשׂה.

[14] מעטעדראַס: אַ באַרג אין די נעפּלדיקע בערג, לעבן איסענגאַרד.

[15] נו, איר דאַרפֿט לייענען די גאַנצע מעשׂה.

[16] The Shire: דער באַצירק וווּ עס געפֿינט זיך די האָביטס שטעטל, האָביטאָן.

[17] סאַם גאַמדזשי: אַ האָביט; ער איז מיטגעגאַנגען מיט פֿראָדאָן.

[18] אוגלוק: דער אָנפֿירער פֿון סאַרומאַנס אָרקס.

[19] מאָרדאָר: די פֿעסטונג פֿון סאָוראָן, דער שׂונא, אַ מכשף, דער בייזסטער. אַוודאי וויל ער צוריקקריגן אָט דאָס פֿינגערל. פֿראָדאָ מיט סאַם גייען אין מאָרדאָר כּדי צו צעשטערן דאָס דאָזיקע פֿינגערל.

[20] Sloe: לויט אַבעלסאָנס ענציקלאָפּעדיע, "אַ שטעקיקער קוסט ... מיט ווײַסע בליִונגען" מיט בלויער פֿרוכט ענלעך צי פֿלוימען.

[21] Rowan trees: אפֿשר אויך "קרעלבײמער" אויף ייִדיש.

[22] פֿראָדאָ באַגינס: דער העלד פֿון דער מעשׂה; זעט הערה 4.

[23] סטרײַדער: איינער פֿון דער חבֿרשאַפֿט פֿון דעם פֿינגערל, אַ באַלייטער מיט פֿראָדאָן אויפֿן שליחות צו צעשטערן דאָס פֿינגערל.